קונפּט שטייט אין קאַן, באַדייט פאַר אַ באַשיידענעם לעבנס־שטייגער אין יעדן פּרט. און דאָס איבעריקע, וואָס בלייבט, אָפּ־געבן דער רעגירונג אין שטייערן און הלוואות אום די מלחמה דערפירן ביז אַן ענדגילטיקן און פולן נצחון.

דאָס איז די איינציקע פינאַנס־פּאָליטיק, וועלכע איז מעג־לעך אין אויסטראַליע, אַלס אַ דעמאָקראַטיע. און ס'זענען פאַ־ראַן קנאַפּע חלוקי־דעות צווישן דער לייבאָר־רעגירונג און דער אָפּאָזיציע וועגן דער פּרינציפּיעלער ריכטיקייט פון אַזאַ פּאָליטיק.

וואָס עס טיילט פאַנאַנדער ביידע פּאַרטייען אין לאַנד און אין פּאַרלאַמענט, איז נישט בלויז אייכצעלהייטן אין דער פּראַק־טישער אָנווענדונג פון דער פּאָליטיק, נאָר הויפּטזעכלעך דער אינערלעכער צוזאַמענהאַנג פון איר מיט די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון דער צוקונפטיקער נאָך־מלחמהדיקער עקאָנאָ־מישער רעקאָנסטרוקציע. דאָס אָבער פאַרלאַנגט אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג.



# יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע

פון

## חיים ראָזנשטיין

שרייבן וועגן יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע, דעם ווייטסטן און קלענסטן יידישן קיבוץ, איז היינט שוין אַ חוב און אַ נויטווענדיקייט. אגב איז שוין דאָ וועגן וואָס צו שרייבן, ווייל יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע איז כמעט אַזוי אַלט, ווי די יידישע עמיגראַציע דאָ. מיר זאָגן כמעט, ווייל דאָס וואָס קאָן אָנגערופן ווערן יידישע עמיגראַציע קיין אויסטראַליע, ציילט אַ פערציק יאָר. און אַז מ'זאָל וועלן זיין נאָך גענויער, איז זי קוים אַלט צוואַנציק יאָר, ווייל דער אייגנטלעכער יידישער עמיגראַ־ציע־שטראָם קיין אויסטראַליע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, 1914-18.

היינט, ווען יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע האַלט אין ווערן, קאָן מען נאָך שעפּן ידיעות וועגן זיין בראשית, פון די ערשטע קוואַלן. ס'לעבן נאָך עטלעכע פון די פּיאָנערן, וועלכע האָבן די יידישע טעאַטער־אַרבעט דאָ אָנגעהויבן. פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע זענען אָט די קוואַלן זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. כדי אָבער ריכטיק צו פאַרשטיין דעם וועג פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע איז נויטיק, כאָטשבי אין אַ קורצער פאָרם, צו באַקענען זיך מיט דער אַנטוויקלונגס־ליניע פון יידישן טעאַטער אין אַלגעמיין. ווייל נאָר אַזוי אַרום קאָן מען זען דעם ענגען צוזאַמענהאַנג פון יידישער טעאַטער־אַרבעט אויף גאָר דער וועלט און איר זייער גרויסער און וויכטיקער באַדייטונג פאַר דער יידישער קולטור.

# צווייטער אויסטראַליש - יידישער אַלמאַנאַך

## I

ביז גאָר אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט איז דער וועג פון יידישן טעאַטער.

געבוירן ערגעץ אין אַן אָרעם הינטער־געסל פון יידישן פאָלקס־לעבן, איז עס פאַר אַ סך יאָרן־לאַנג געווען אַ שטיק טומאה, וועלכע מ'האָט געדאַרפט אויסמיידן. אמת, אַז יידיש טעאַטער, פונקט ווי אַ סך פון דעם וואָס ס'ווערט געבוירן אין אַ הינטער־געסל, איז געוואַקסן ווילד, אָן געהעריקער השגחה און אָן סיסטעמאַטישער דערציאונג. ס'האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַלץ דאָס שלעכטע, אָבער אויך אַלץ דאָס גוטע, וואָס דאָס אָרעמע הינטער־געסל פון דעמאָלטיקן יידישן פאָלקס־לעבן האָט פאַרמאָגט. נאָר אָט דער גאָרנישט אַזוי יחוסדיקער... געבורט האָט געהאַט איין גאָר גרויסע מעלה — פ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ק י י ט. דאָס, אָן וועלכער טעאַטער קאָן נישט ווערן די צוציאונגס־קראַפט פאַר די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן.

אונטערשטרייכנדיק פאָלקסטימלעכקייט, זענען מיר אויסן געווען אָנצווייזן דעם שורש פון יידישן טעאַטער, דעם באָדן אויף וועלכן ס'איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן.

אין קעגנזאַץ צום יידישן, איז דאָס נישט־יידישע טעאַטער גלייך נאָכן געבורט, אַדאָפּטירט געוואָרן אין די הויכע פענסטער פון פירשטלעכע פּאַלאַצן, אין די הויפן פון די דעמאָלטיקע רעגירער. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז דאָס נישט־יידישע טעאַטער, דערצויגן אין אַן אַטמאָספער פון שאָרכנדיקן זייד, ווייכן פּליוש, אומצאָליקע מאַרמאָר־זיילן, אָנגעבלאָזענער ריטערלעכקייט און קורטיזאַנישע שלאָף־צימערן, האָט אין דער ערשטער ריי געמוזט אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די אויבערשטע צען טויזנט און ווערן אויסשליסלעך ז י י ע ר טעאַטער. ערשט אַ סך שפּעטער, אין אייראָפּעס פרילינג־יאָרן, נאָך די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס פון 1848, האָט דאָס נישט־יידישע טעאַטער באַוויליקט אָנהויבן אַראָפּנידערן צום פאָלק. אַראָפּנידערן שוין דערפאַרן אין יאָרן, דערפאַרן אין טעאַטראַלן וויסן. אָבער אויך



# יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע

דאָן איז דאָס נישט־יידישע טעאַטער, אויסער גאַנץ קליינע אויסנאַמען, נישט געוואָרן די דערציערישע קולטור־אינסטיטוציע אין וועלכער די ברייטע פאָלקס־מאַסן נויטיקן זיך.

מיר שטעלן זיך ספּעציעל אָפּ אויפן באַגריף: טעאַטער — אַלס פאָלקסטימלעך־קינסטלערישע אינסטיטוציע, ווייל מיר גלייבן, אַז אַזאַ דאַרף טעאַטער זיין, און ווייל מיר האַלטן, אַז יידיש טעאַטער איז אין דער ערשטער ריי, הויפּטזעכלעך טאַקע, אַ פאָלקסטימלעך טעאַטער.

צי ווערט דאָס קינסטלערישע אין טעאַטער דעגראַדירט דורכדעם, וואָס מיר באַצייכנען עס אַלס פאָלקסטימלעכס? לויט אונז אַבסאָלוט נישט. ווייל קונסט האָט שטענדיק איר שורש אין דער פאָלקס־נשמה, געמיינט פאָלקס־שאַפונג. ווייל גרויסע קונסט איז מייסטנס די פאַרקערפּערונג פון בעסטער פאָלקסטימלעכקייט.

אמתע פאָלקסטימלעכקייט איז אַ קינד פונם זיווג, פון דער באַהעפטונג פון געניאַלן יחיד מיטן בעסטן פון פאָלקס־גייסט.

פאַראַן אָבער אויך אַ וווּלגאַריזירטע פאָלקסטימלעכקייט. מיר מיינען די, וועלכע האָט זיך די לעצטע הונדערט יאָר אַזוי הערשעריש צעשפּרייט אויף אַלע קונסט־געביטן. אַ פּסעוודאָ־פאָלקסטימלעכקייט, וועלכע דינט באַשטימטע, נישט קיין צו זויבערע צילן.

מיר, יידן, זענען אוודאי נישט פריי פון דער פּסעוודאָ־פאָלקסטימלעכקייט, און דערפאַר דאַרפן אונזערע פריערדיקע ווערטער: אַז יידיש טעאַטער איז אין דער ערשטער ריי הויפּטזעכלעך טאַקע אַ פאָלקסטימלעך טעאַטער, נישט פאַלש פאַרשטאַנען ווערן. מיר האָבן דורכדעם נישט געוואָלט זאָגן, אַז אונזער טעאַטער איז דאָס בעסטע טעאַטער. מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנדייטן די ריכטונג, אין וועלכער דאָס יונגע יידישע טעאַטער איז אַוועק.

* * *

יידיש טעאַטער איז אויסגעוואַקסן פון די טיפענישן פון

אונזער דעמאָלטיקן פאָלקס־לעבן. פון די טיפעניש פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, וועלכע האָט נישט מער געוואָלט טאָלעריִרן איבער זיך די הערשאַפט פון יידישן קלער מיטן קליינשטעטלדיקן בעל־תּקיה, — וועלכע האָט נישט מער געקאָנט פאַרטראָגן די כסדרדיקע נאַכט איבער זיך. דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעראַטיוו פון די יידישע פאָלקס־מאַסן האָט געשטויסן אויף פאַרשידענע אופנים דורכצוהאַקן אַ פענסטער פון האַלב־פרייוויליקן געטאָ צו דער אויסערלעכער, צו דער מער פרייער וועלט. איינער פון די באַדייטנדסטע הענט איז געווען יידיש טעאַטער.

דאָס טראַגישע פון יידישן טעאַטער איז אָבער באַשטאַנען דערין, וואָס גלייך נאָכן געבוירן איז עס איבערגעלאָזן געוואָרן זיך אַליין, און וואָס די דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענץ האָט נישט פאַרשטאַנען די גאָר גרויסע באַדייטונג און וויכטיקע פּיאָנערישע ראָל, וועלכע ס׳וועט אויסקומען צו שפּילן דעם יידישן טעאַטער אַלס קולטור־פאַקטאָר. און נאָך לאַנגע יאָרן שפּעטער האָט אונזער אינטעליגענץ נישט דערזען די מעכטיקסטע יידישע קולטור־פּלאַצווקע. דערפון נעמט זיך אויך, וואָס ביז היינט־צו־טאָג האָט מען נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון יידיש טעאַטער אַלס פאַרשפּאַנער און פאַרקעמפער פון אונזער פאָלקס־קולטור.

אָבער איינמאָל אַרויסגערופן צום לעבן, האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער איר וועג אַליין, אויף איר אופן, זיגעריש דורכגעבראָכן. און געשען האָט עס געקאָנט נאָר דערפאַר, ווייל יידיש טעאַטער איז אַזוי געקנופּט און געבונדן מיט אונזער פאָלקסטימלעכקייט.

אוודאי האָט יידיש טעאַטער אירע ליכט און שאָטן־זייטן. און זיכער אַ סך מער שאָטן, ווי ליכט. דאָס שטערט אָבער נישט פעסטצושטעלן, אַז פאַר די קוים עטלעכע פופציק יאָר עקזיסטענץ פון אונזער טעאַטער, האָט עס אָפּט דערגרייכט הויכן, ווי דאָס בעסטע נישט־יידישע טעאַטער.

דער בעסערער יידישער רעפּערטואַר איז אַן אויסגעשפּראָכן־





פאָלקסטימלעכער. מיר האָבן נישט אין אים קיין קייזערלעכע הויפן, פּרינצן, אַדעליקע, מיניסטאָרן, גענעראַלן, פּריצים און נאָך און נאָך ענלעכע הויפּט־העלדן פון מייסטנס נישט־יידישן רעפּערטואַר. דער העלד פון יידישן טעאַטער איז כמעט־איינציק דער פאָלקס־מענטש. און ווען ס׳איז אפילו דאָס רבל, סוחרל, פאַבריקאַנטל אָדער אינטעליגענט, ווייזט מען זיי אונז, מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, קודם־כל אַלס פאָלקס־מענטשן. האָבנדיק אַזאַ, וואָלטן מיר געזאָגט, באַגרענעצטן פערסאָנאַזש, און דורכדעם אפשר אויך באַגרענעצטע טעמאַטיק, האָט דאָס יידישע טעאַטער געמוזט אין זיך אַלערערשט גרונטלעך אויפנעמען דעם גאַנצן שטייגער מיט אַלע זיינע קנייטשעלעך און העוויהלעך, וועלכע זענען אַזוי אייגן און אַזוי נאָענט אונזער פאָלקס־מענטש. דעם שטייגער, וועלכער איז געוואָרן אַזאַ וואָגיקער טייל פון אונזער נאַציאָנאַלן איך און וועלכער האָט במשך לאַנגע יאָרהונדערטער אויסגעבילדעט דאָס ספּעציפיש־יידישע פּינטעלע ייד... וועלכעס ווירקט דורך סענטימענט אַזוי שטאַרק אויף די טרערן־דריזן פון עמך. ערשט ווען מען גיט זיך אָפּ אַ חשבון, וואָס פאַר אַ מעכטיקע ראָל ס׳שפּילט אין אונזער רעפּערטואַר דער פאָלקס־מאָטיוו און דאָס אַזוי געשטייגערטע פּינטעלע ייד מיט אַלע אַרומיקע אַקצעסאָריעס, קאָן מען ערשט רעכט פאַרשטיין, ווי ווייט דאָס יידישע טעאַטער איז אַנדערש פון נישט־יידישן.

אָט דער אַזוי ענגער בונד פון אונזער ווירקלעכקייט, פון אונזער פאָלקס־לעבן מיטן יידישן טעאַטער, איז עס געווען דער צעמענט, דער כוח, וועלכער האָט אונזער טעאַטער פאַרפעסטיקט. צי וואָלט זיך אין ענלעכע, אַזוי ספּעציפיש־אייגנאַרטיקע און שווערע באַדינגונגען, געקאָנט אַן אַנדער טעאַטער אויפהאַלטן און אַנטוויקלען?

ס׳איז שווער צו גלויבן.

מיר ווילן נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף די שאָטן־זייטן פון אונזער טעאַטער. ספּעציעל אויף דער מגפה פון שלעכטן

און מינדערווערטיקן רעפּערטואַר, וועלכער האָט פאַרפּלייצט די עמיגראַציע־לענדער. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז דער־אָ רעפּערטואַר קאָן אומברענגען דאָס יידישע טעאַטער, און דעריבער דאַרף מען אים ווי אַמשאַרפסטן באַקעמפן. אָבער ווער ס׳קען אונזערע באַדינגונגען אין די עמיגראַציע־לענדער, באַדינגונגען פון שטענדיקן הו־הא און „אַלרייטניקעס"־אידעאַל, באַדינגונגען, וועלכע זענען דער קעגנזאַץ פון אַן אַטמאָספער, אין וועלכער ס׳קאָן געדייען אַ קולטורעלער אויפבלי, דער ווייסט, אַז פּ אָ ל ק ס ־ פּ י ע ס ן, ווען אפילו פון נישט קיין צו־הויכן ליטעראַרישן ווערט, זענען נאָך דאָ דערווייל אַ ווינטשנסווערטע דערשיינונג. פאַרשטייט זיך, פּיעסן זויבער־ און פּאַכמעניש־אויפגעפירטע. פּיעסן, וועלכע זאָלן דערהויבן ווערן דורך אַקטיאָריש־קינסטלערישער שאַפונג. מיר מיינען אַ רעפּערטואַר, וועלכער דאַרף נאָך דערווייל שפּילן די ראָל פון אַ פאַרבינדונגס־נערוו צווישן געוויסע פּאָלקס־שיכטן מיט אונזער קולטור. אַ קולטור־קאָנסומענט, וועלכן מ׳דאַרף כסדר דערציען און וועלכער דאַרף זייער פאָרזיכטיק באַהאַנדלט ווערן.

דעם גרויסן דערפאָלג, וועלכן דער שונד־רעפּערטואַר האָט געהאַט און האָט נאָך טיילוויז אין יידישן טעאַטער, האָט ער אין דער ערשטער רייע צו פאַרדאַנקען דעם פּינטעלע ייד און וולגאַריזירטער פּאָלקסטימלעכקייט, וועלכע ווערן אומברחמנותדיק עקספּלאָאַטירט אויף דער יידישער בינע און וועלכע פאַרטרעטן נאָך פאַר אַ סך אויף דער עמיגראַציע די אַלטע היים, דאָס אַזוי גערופענע אמת־יידישע פּאָלקס־לעבן.

* * *

מיר האָבן זיך באַמיט, אין קורצע שטריכן, אויפצוקלערן די ספּעציפישע אַנטוויקלונגס־ליניע פון יידישן טעאַטער, אָנצוּווייזן אויף דער ראָל, וועלכע ס׳האָט געשפּילט ביים העלפן אויפהאַלטן אונזער יידישקייט. און מיר נעמען זיך דאָס רעכט צו זאָגן, אַז יידיש טעאַטער האָט אין קאַמף פאַר אויפהאַלטן יידיש־





קייט פאַר די לעצטע 50 יאָר, פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער.

דעם־אָ זייער בכבודיקן פּלאַץ אינם קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום, האָט דאָס יידישע טעאַטער געקאָנט דערגרייכן נאָר אַדאַנק דעם, ווייל ס׳איז אַזוי ענג צוזאַמענגעוואַקסן און צונויפגעבונדן מיטן יידישן פּאָלקס־לעבן.

דעם ענגען צוזאַמענבונד פון אונזער טעאַטער מיטן יידישן פּאָלקס־לעבן וועט אַמבעסטן באַשטעטיקן דער בעסערער, אַפּהענגיק פון דער צייט ווען ער איז געשאַפן געוואָרן, יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר. מיר וועלן אָנרופן די אַמייסטן־געשפּילטע מחברים, אָנהויבנדיק נאָך פון פאַרן בראשית פון יידישן טעאַטער, ביז היינט. אָט זענען זיי: עטינגער, לעווינזאָן, אַקסנפעלד, גאָלדפאַדען, גאָרדין, פּינסקי, דימאָוו, קאָברין, הירשביין, נאָמבערג, מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַנסקי, אַש, לייוויק, בערגעלסאָן, צייטלין, פּרעגער, זינגער, קאַציזנע, בימקאָ, בערקאָוויטש און גאָטעספעלד. כמעט אַלע געשפּילטע פּיעסן פון די דערמאָנטע דאָ מחברים, צווישן וועלכע ס׳געפינען זיך די זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור, דאַרפן באַצייכנט ווערן אַלס פּאָלקסטימלעכע. כמעט אַלע שטעלן זיי אַרויס אַלס זייערע העלדן דעם פּ אָ ל ק ס ־ מ ע נ ט ש, דערציילן פון זיינע ליידן, פרייד און קאַמף. שילדערן דעם דערנער־וועג פון דער יידישער פּ אָ ל ק ס ־ מ ח נ ה פאַר איר קיום און נאַציאָנאַלן אויפהאַלט.

ווי מיר זעען, האָט יידיש טעאַטער נישט געמוזט אַראָפּנידערן פון הויכע שיין־גייסטער־פּיעדעסטאַלן צו פּאָלקסטימלעכקייט. פאַרקערט, דאָס בעסערע יידישע טעאַטער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט. האָבן מיר אָבער, יידן, אַ טבע צו איבערטרייבן. און פּונקט ווי אויף אַ סך אַנדערע געביטן, האָבן מיר אויך אויפן געביט פון אונזער טעאַטער־פּאָלקסטימלעכקייט אַ סך איבערגעטריבן. אינם טיילווייזן געיעג נאָך היפּער־פּאָלקסטימלעכקייט, האָבן מיר זיך שנעל דערקייקלט צום אַזוי שעדלעכן שונד־רעפּערטואַר, צו די אַזוי שרעקלעכע שונד־אויפפירונגען.

איז טאַקע איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן אונזערע אויפצוהויבן און לייטערן די וואָס־אַמאָל טיפער־זינקנדע פּסעוודאָ און וווּלגאַריזירטע פאָלקסטימלעכקייט פון יידישן טעאַטער, פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט קעגן שונד. אַזאַ אַרבעט קאָן דערפאָלגרייך געטאָן ווערן קודם־כל דורכן בעסערן יידישן טעאַטער, דורך אַנטקעגנשטעלן דעם שונד־רעפּערטואַר, אַ רעפּערטואַר אין דער ערשטער רייע פון נייעם יידישן שטייגער, אַ רעפּערטואַר וועגן נייעם יידישן לעבן, געשאַפן אויף גאָר דער וועלט.

זענען מיר דאָך נאָך אַפילו היינט, ביי דעם גאַנצן נייעם לעבנס־שטייגער, ווייט נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער פאָלקסטימלעכקייט פון די לעצטע דריי־פיר צענדליק יאָר. מיר שפּינען ווייטער דעם פאָדעם פון אונזער פאָלקס־לעבן ביי געענדערטע באַדינגונגען. מיר מאָדיפיצירן טיילווייז די פאָלקס־נשמה, צופּאַסנדיק זי צו דער נייער סביבה, צו דער נייער צייט. אמת, אַז דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער געזעלשאַפטלעכער פּראָצעס. אָבער וואָס מיר דאַרפן און קאָנען יאָ טאָן, איז: ווי ווייט מעגלעך *באַוווּסטזיניק* פאָרעמען אָט די באַדינגונגען, איינהאַלטנדיק דערביי דאָס נאַציאָנאַל־פאָלקסטימלעכע, וואָס ס'איז אַזוי ספּעציפיש איינגן דעם יידישן גייסט. דעם גייסט, וועלכער האָט אונז געגעבן כוח און אויסדויער־קראַפט אויף דעם טויזנט־יעריקן וואַנדער־וועג צווישן אַ וועלט מיט פעלקער.

אויב יידיש טעאַטער וויל נישט דעגענערירן, אויב יידיש טעאַטער וויל נישט אויפגעבן זיין נאַציאָנאַל־היסטאָרישע שליחות, מוז עס ווי אַמשנעלסטן אַריבער אויף אָט דעם וועג. די אויפגאַבע איז נישט צו־לייכט, דערפאַר אָבער זייער דאַנקבאַר. דאָס איבערשטעלן דאָס יידישע טעאַטער אויף ניי־צייטלעכע רעלסן, איז אַ געבאָט פון דער שעה, און דאָס קאָן נאָר זיין די אַרבעט פון רייפע טעאַטער־קינסטלער, נאַציאָנאַל־באַוווּסטזיניקע, מענטשן געזעלשאַפטלעך־פאַראַנטוואָרטלעכע און דערוואַקסענע צו זייער אויפגאַבע.

נאָך מער אויפמערקזאַמקייט, נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעכ־





קייט פאָדערט די יידישע טעאַטער־פראַגע אין די עמיגראַציע־לענדער.

* * *

צי איז שוין אין די עמיגראַציע־לענדער געשאַפן און פאַרפעסטיקט געוואָרן אַ נייער יידישער לעבנס־שטייגער? ווייט נאָך נישט. מיר זענען נאָך אַלץ אויפן וועג פון שמעלץ־טאָפּ־אַסימילאַציע און אַלטער היים־יידישקייט. דער נייער יידישער לעבנס־שטייגער אין די מעבר לים לענדער פיקט זיך ערשט אויס, און ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ער וועט אַוועק. דערווייל זענען מיר נאָך אַלץ דאָ אָנגעוויזן אויף דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון יידישקייט פון דער אַלטער היים. מיר לעבן נאָך גייסטיק מיט אַלע אונזערע חושים דאָרט, פון וואַנען מיר זענען געקומען. אַפילו פון הינטער דער אויסערלעך־שטייפער „אַלרייטניקעס”־פּאָליטור, מיט וועלכער אונזערע עמיגראַציע־גבירים שטאָלצירן אַזוי, קריכט כסדר אַרויס משה, בערל און יאַנקל פון קליינעם שטעטל אין פּוילן אָדער רוסלאַנד. און טאַקע דערפאַר, ווייל דער נייער יידישער לעבנס־שטייגער דאָ איז אין פּראָצעס פון ווערן, קאָנען און מוזן מיר אים אַזוי אויספאָרעמען, אַז ער זאָל, טראָץ אַלעם, בלייבן יידיש. אונזער גאַנצע יידישע קולטור־טעטיקייט אויף דער עמיגראַציע מוז גיין אין דער ריכטונג.

טעאַטער קאָן מער ווי אַ וועלכער ס'איז אַנדערער יידישער קולטור־געביט שפּילן אַ גאָר גרויסע און וויכטיקע ראָל אין שאַפונגס־פּראָצעס פון נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אויף דער עמיגראַציע. ווייל טעאַטער איז די *לעבעדיקע* אָפּשפּיגלונג פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, אונזער קעגנוואַרט, און אַז מ'דאַרף, אויך דער אָנווייזער פאַר דער צוקונפט. טעאַטער רעדט נישט צו אונז מיט די טויטע אותיות פון דער צייטונג אָדער בוך. טעאַטער, און ספּעציעל גוט יידיש טעאַטער, רעדט צו אונז מיט דער *לעבעדיקער* שפּראַך פון אונזערע זיידעס, באָבעס, עלטערן, ברידער און שוועסטער. רעדט צו אונז מיט אַלע זייערע

העוויהלעך און קנייטשעלעך. רעדט צו אונז דורך זייער ל ע ב ע ד י ק ע ר פרייד און לייד, דורך זייער קאַמף. אין ערגעץ פילט זיך נישט אונזער עמיגראַנט אַזוי נאָנט יידיש, ווי אין יידישן טעאַטער. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס יידיש טעאַטער האָט אין די עמיגראַציע־לענדער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל. און וואָלט די יידישע טעאַטער־אַרבעט אויף דער עמיגראַציע ריכטיק און גוט געטאָן געוואָרן, וואָלטן מיר זיך היינט אַ סך ווייניקער נעדאַרפט קלאָגן אויפן מצב פון אונזער יידישקייט אין די מעבר לים לענדער.

אָבער נאָך איז די צייט נישט פאַרביי, און ספּעציעל אין די לענדער, וווּ די עמיגראַציע האָט זיך פּאַקטיש נאָר־וואָס אָנגעהויבן. מיר שטייען פאַרן אָנהויב פון דער אַרבעט און מיר מוזן זיך זאָגן: דאָס וואָס ס'איז געווען אונזער יידישקייט אין דער אַלטער היים, איז דאָ אין אַ גרויסער מאָס פאַרביי. מיר ווילן נישט און ס'איז אויך נישט נויטיק אַלץ פון יענער יידישקייט דאָ ווידער צו רעסטאַווּרירן. אגב דערלויבן עס דאָ נישט די באַדינגונגען. אָבער וואָס מיר ווילן יאָ, איז: ווייטער שפּינען די פעדעם פון אונזער בעסטן נאַציאָנאַלן שאַפן, פון אונזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, אַריינפּאַסן זיי אין די נייע באַדינגונגען, כדי אַזוי אַרום אויסצופאָרעמען דעם נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אויף דער עמיגראַציע. אַ לעבנס־שטייגער, געשטיצט אויף דעם שעפּסטן פון דער י י ד י ש ע ר קולטור, געשטיצט אויף נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ י י ד י ש ן באַוווּסטזיין און ס אָ צ י אַ ל ע ר גערעכטיקייט.

און זאָל אונז נאָכאַמאָל דערלויבט זיין צוצוגעבן: — אַן אַרבעט, וועלכע מוז סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק געטאָן ווערן, אַן אַרבעט, וועלכע נאָר באַרופענע דאַרפן און קאָנען טאָן.

## II

ווײַל מען ווי געהעריק אָפּשאַצן די יידישע טעאַטער־טעטיקייט אין אויסטראַליע, מוז מען אָנווייזן די אַטמאָספער און באַ־





דינגונגען, אין וועלכע ס'קומט דאָ אויס צו אַרבעטן. ווייל נישט אַלעמאָל איז דאָס וויכטיקסטע, ווי גרויס ס'איז די געטוענע קולטור־אַרבעט. אַ סך וויכטיקער איז, אויף וואָס פאַר אַ באָדן און אין וועלכע באַדינגונגען זי איז געטאָן געוואָרן.

ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז היינט, נאָך עטלעכע צענדליק יאָר יידישער עמיגראַציע קיין אויסטראַליע, ציילט די יידישע באַפעלקערונג דאָ קוים דרייסיק טויזנט נפשות, צעוואָרפענע איבער אַ רייע שטעט, אין אַ לאַנד נישט קיין סך קלענער ווי גאַנץ אייראָפּע, קאָן מען שוין האָבן אַ שטיקל באַגריף דערפון, ווי אַנדערש ס'זענען דאָ די באַדינגונגען אויף צו פירן אַ יידישע קולטור־אַרבעט, אין פאַרגלייך מיט די לענדער, וווּ די יידישע קיבוצים זענען אַ סך, אַ סך גרעסערע. דאָס איז איינס. און צווייטנס — מינדעסטנס אַ העלפט אויסטראַליער יידן, די, וועלכע זענען אַהער געקומען פון ענגלאַנד און אין די לעצטע יאָרן פון דייטשלאַנד, האָט אינגאַנצן נישט קיין שייכות מיט אונזער יידישקייט און אוודאי נישט מיט דער יידישער קולטור. און אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז אַ גרויסער טייל פון די כלומרשט אונזערע יידן איז גלייכגילטיק צום יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און צו דער יידישער קולטור־טעטיקייט, וועלן מיר האָבן דעם חשבון אויבן־אויף. — אַז אין גאַנץ אויסטראַליע איז ה י י נ ט קוים פאַראַן אַ 3־4 טויזנט יידן, וועלכע האָבן אַן אינטערעס און באַטייליקן זיך אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן קולטור־לעבן. פאַר די געציילטע עטלעכע טויזנט יידן זענען טעטיק אַ רייע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, די יידישע וואָכן־צייטונג, יידישע שול, אָבער מער פאַר אַלעם און איבער אַלעם — יידיש טעאַטער.

מיר האָבן אונטערגעשטראָכן היינט. אָבער יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע ציילט שוין ע ט ל ע כ ע ־ א ו ן ־ ד ר י י ס י ק י אָ ר. דאָס הייסט, אַז צו יענער צייט, ווען מ'האָט דאָ אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער, האָט די אויסטראַליער יידישע באַפעלקערונג קוים געציילט אַ דריטל פון איר היינטיקן באַשטאַנד.

רעדנדיק וועגן דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין אויסט־

ראַליע. דאַרף מען הויפּטזעכלעך אין זינען האָבן די שטאָט מ ע ל ב ו ר ן. די שטאָט, וועלכע האָט אויפגעהויבן די פאָן פון דער ייִדישער קולטור אין אויסטראַליע. די שטאָט, אין וועלכער ס'גייט אָן אַ געוויסע אינטענסיווע נײַ־צײַטיק־ייִדישע קולטור־אַרבעט. אַן אַרבעט, וועלכע קאָן ביי אַ מער סיסטעמאַטישער און געהעריק פאַכמענישער אָנפירונג געבן די בעסטע רעזולטאַטן. און נישט בלויז רעזולטאַטן פון אַ לאָקאַלער באַדייטונג, נאָר אַזעלכע, וועלכע קאָנען שפּילן אַ גרויסע און דעציזירנדע ראָל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור אין גאַנץ אויסטראַליע.

*  *  *

אין אַ הייסן שבת־פאַרנאַכט זענען מיר מיט פריינט הורוויץ, געוועזענער לאַנג־יעריקער סעקרעטאַר פון „קדימה" און איינער פון די עלטסטע ייִדישע טעאַטער־אַמאַטאָרן אין מעלבורן, אַוועק צו מר. רײַנהאַלץ, איינעם פון די היגע פּיאָנערן פון ייִדיש טעאַטער, געוויד ווערן וועגן בראשית פון ייִדיש טעאַטער אין אויסטראַליע.

דער 71־יעריקער רײַנהאַלץ האָט אָנגעהויבן מיט אַ זייער שוואַכער שטימע, אַז אַזוי ווי ער ליידט לעצטנס זייער שטאַרק אויפן האַרץ, איז אים שווער צו רעדן. ער וועט זיך דעריבער באַמיען איבערצוגעבן אין קורצע ווערטער די נויטיקסטע פאַר אונז ידיעות. אָבער נישט באַמערקטערהייט פאַר אים אַליין, האָט זיך אים די שטימע געשטאַרקט און ער האָט פאַרגעסן אין זיין שווערער האַרץ־קראַנקהייט. ער איז, ווייזט אויס, אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אַמאָליקע, זייער אים ליבע דערינערונגען, און דערציילט אַ סך מער ווי דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט וויסן. דערציילט וועגן זיינע אינטערעסאַנטע וואַנדערונגען איבער אויסטראַליע מיט 40 יאָר צוריק, מיט די בעסטע און אויך ערגסטע ענגלישע טעאַטער־טרופּעס, און אויך אַ רייע זייער טשעקאַווע עפּיזאָדן. צווישן אַנדערע, ווי אַזוי ער, דער „ענגלישער" אַקטיאָר, איז פאַרשוווּנדן פון דער טרופּע אין האָבאַרט (טאַס־





מאַניע), כדי צו ווערן אַ בעל־תפילה אויף ראש השנה און יום כיפור פאַר דעם אָרטיקן ביסל ייִדן, וועלכע האָבן נישט געהאַט ווער ס'זאָל פאַר זיי דאַווענען, און די פרייד פון ענגלישן טעאַטער־דירעקטאָר, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיינס אַן אַקטיאָר איז גאָר אַ ייִדישער רעווערענד, וואָס ס'קאָן דער טרופּע העלפן מאַכן רעקלאַמע.

אָבער וואָס דעם שרייבער פון די שורות האָט אַממייסטן געוווּנדערט, איז געווען — דער וווּנדערבאַרער ייִדיש, אין וועלכן דאָס אַלץ איז דערציילט געוואָרן.

היים רײַנהאַלץ, אַן אַרבעטער פון וואַרשע, איז אַלס גאַר־יונגער בחור געקומען, אַרום 1892 (מיט 49 יאָר צוריק !!), קיין אויסטראַליע. האָבנדיק אַ גוטע שטימע און זייענדיק אַ גרויסער טעאַטער־חסיד, איז אים געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין ענגלישן טעאַטער. אין 1905 האָט רײַנהאַלץ, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין סידני, באַקומען גאָלדפאַדענס „שולמית". ער האָט די פּיעסע פון פריער נישט געקענט. זי איז אים אָבער זייער געפעלן געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן זי אויפצופירן. צוזאַמען מיט צוויי באַקאַנטע מיידלעך, וועלכע האָבן געקענט אַביסל ייִדיש, האָט ער געשאַפן אַ כאָר פון דרייסיק מענטשן, בלויז נישט־ייִדן, און איינשטודירט מיט זיי „שולמית". רײַנהאַלץ האָט זיינע פּאַרטיעס געזונגען אין ייִדיש. אויך די צוויי מיידלעך האָבן טיילווייז געזונגען אין ייִדיש, אָבער אַלע אַנדערע באַטייליקטע האָבן געזונגען אין ענגליש. מ'האָט פאַר דעם כאָר איבערגעזעצט דעם ייִדישן טעקסט אין ענגליש. רײַנהאַלץ האָט זיך באַמיט אויסלערנען עטלעכע פון די נישט־ייִדישע מיטשפּילער אַביסל ייִדישן טעקסט, וואָס ס'איז אים נישט געלונגען, ווייל אויף דער פאָרשטעלונג האָבן זיי, אָדער פאַרגעסן דאָס ייִדישע, אָדער עס אַזוי צעהרגעט, אַז קיינער אין זאַל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ לשון זיי רעדן.

אַזוי איז, אין 1905, אין סידני, פאָרגעקומען איינע פון די אייגנאַרטיקסטע ייִדישע טעאַטער־אויפפירונגען, און די ע ר ש ט ע י י ד י ש ע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין אויסטראַ־

ליע, וווּ ס'איז געשפּילט געוואָרן די היסטאָרישע אָפּערעטע „שולמית" פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען.

דאָס איז געווען ריינהאָלצס ערשטע און לעצטע ייִדישע טעאַטער־אויפֿפֿירונג.

אין 1908 איז שמואל וויסבערג געקומען קיין אויסטראַליע גרינדן אַ סטאַביל ייִדיש טעאַטער. אַ יאָר שפּעטער האָט ער אַראָפּגעבראַכט ריינהאָלצן קיין מעלבורן. אָבער ריינהאָלץ, דער אַקטיאָר, האָט נישט מער געשפּילט ווי אין דער ערשטער פּיעסע, צוויי פֿאָרשטעלונגען. ווייל אויף פּרנסה פֿון ייִדישן טעאַטער האָט ער נישט געקאָנט האָפֿן.

ריינהאָלץ פֿלעגט ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן אויפֿטרעטן מיט ייִדישע לידער, אויך מיט אייגענע, לטובת ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. ריינהאָלצס לידער האָבן באַהאַנדלט דאָס ייִדישע לעבן אין אויסטראַליע. שוין ביים אַוועקגיין האָט זיך דער אַלטער חיים ריינהאָלץ געקלאָגט, אַז מ'זינגט היינט נישט מער זיינע ייִדישע לידער און אַז מען וואָלט זיך געדאַרפֿט דערמיט פֿאַראינטערעסירן.

* * *

„מאָנטיק, דעם 2טן נאָוועמבער, 1908, בין איך אָנגעקומען מיט דער שיף „וואַלקאַניע" קיין מעלבורן". מיט די ווערטער הויבט אָן שמואל וויסבערג זיינע זכרונות אין ערשטן אויסטראַליש־ייִדישן אַלמאַנאַך.

ש. וויסבערג, געבוירן דעם 1טן מאַי, 1862, אין פּיאָטרקאָוו, פּוילן, האָט שוין געהאַט אַרומגעוואַנדערט אַ האַלבע וועלט מיט ייִדיש טעאַטער, ווען ער האָט באַשלאָסן פּרווון גליק אין ווייטן אויסטראַליע אַלס ייִדישער טעאַטער־אונטערנעמער. זיין ערשטע ייִדישע טעאַטער־אימפּרעזע אין אויסטראַליע, מעלבורן, איז געווען אַ קינדער־קאָנצערט. אַ כאָר פֿון אַ צוויי־צענדליק ייִדישע שול־מיידלעך, קינדער, וועלכע האָבן כמעט נישט געקאָנט קיין ייִדיש, האָבן געזונגען אַ רייע לידער פֿון „שולמית" און „בר־כוכבא", און אויך רעציטירט אין ייִדיש. אַראַנק דעם





קאָנצערט, וועלכער איז אַדורך מיט גרויס דערפֿאָלג, און איז געוואָרן ווי אַ סיגנאַל פֿאַר אַ ייִדישער טעאַטער־ און קולטור־טעטיקייט אין מעלבורן, איז וויסבערגן געלונגען צו גרינדן אַ קלוב „ליריק", וווּ ער האָט געהאָפֿט צו קאָנען רעאַליזירן זיינע טעאַטער־פּלענער

דעם 12טן פֿעברואַר, 1909, האָט וויסבערג אויפֿגעפֿירט אין מעלבורנער „טעמפּערענס האָל", סיטי, די ערשטע ייִדישע פֿאָרשטעלונג, די אָפּערעטע „גבריאל", אָדער ווי זי איז באַקאַנט אונטערן מער פּאָפּולערן נאָמען „בינקע־פּינקע".

ס'איז ווערט צו פֿאַרצייכענען, אַז די ערשטע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציע אין אויסטראַליע, די מעלבורנער „קדימה", איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1911, דאָס הייסט מיט קנאַפּע דריי יאָר שפּעטער נאָך דער ערשטער מעלבורנער ייִדישער פֿאָרשטעלונג. פֿאַר דער צייט זענען אין מעלבורן געשפּילט געוואָרן מער ייִדישע פּיעסן, אַזוי, אַז מ'קאָן אויף זיכער אָננעמען, אַז ייִדיש טעאַטער האָט סטימולירט די ייִדישע קולטור־טעטיקייט אין מעלבורן, געמיינט אויך גאַנץ אויסטראַליע.

און נאָך עפּעס איז ווערט פֿאַרצייכנט צו ווערן. ווי נאָר די היגע ראַביים האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען גרייט זיך שפּילן אַ ייִדישע פּיעסע האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו באָיקאָטירן ייִדיש טעאַטער.

דער דערפֿאָלג פֿון דער ערשטער ייִדישער אויפֿפֿירונג האָט מעגלעך געמאַכט דאָס גרינדן פֿון אַן אַמאַטאָרן־קרייז אונטער וויסבערגס אָנפֿירונג. די אַרבעט אַרום ייִדישן טעאַטער האָט אָנגענומען קאָנקרעטערע פֿאָרמען. די צווייטע פּיעסע, וועלכע וויסבערג האָט געשטעלט איז געווען „זשידאָווקאַ" (די ייִדין) פֿון האַלעווי. „זשידאָווקאַ" איז דריי מאָל געשפּילט געוואָרן. נעמענדיק אין אַכט די גאַנץ קליינע צאָל ייִדן דעמאָלט אין מעלבורן, איז עס געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. צו דער צווייטער פּיעסע האָט מען ספּעציעל געלאָזט שניצן עטלעכע ייִדישע אותיות, כדי דער אַפֿיש זאָל זיין אַ ייִדישער. דאָס ייִדישקייט

פון אַפּיש האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס דאָס איינציקע יידיש־געדרוקטע וואָרט דאָרט איז געווען — „זשידאָוואָקאַ".

די ענגלישע פּרעסע האָט זיך גאַנץ וואַרעם אָפּגערופן וועגן דער „זשידאָוואָקאַ"־אויפפירונג. אפילו דער „טרוטה" (אמת), די פאַרשפּרייטסטע ביז היינט וואָכן־צייטונג אין אויסטראַליע, א געמיש פון ביליקער סענסאַציע, פאַרדעכטיקע וויצן און אַנטי־סעמיטיזם, האָט געריטמט די פאַרשטעלונג. דערביי אָבער נישט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין אַ „באַסטערד לינגווידזש" (ממזרישער שפּראַך). ווען ווייסבערג איז אַוועק צום רעדאַקטאָר פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ מין באַליידיקן יידיש, האָט זיך דער חרעדאַקטאָר פאַרענטפערט דערמיט, אַז ער האַלט אויך ענגליש פאַר פּונקט אַזאַ ממזרישער שפּראַך, ווי יידיש.

נאָך דער צווייטער אויפפירונג האָט ווייסבערג אַראָפּגע־בראַכט פון בוענאָס־איירעס זיין שוואָגער פּינקעלשטיין מיט דער פרוי, ביידע פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן, און די קינדער, דריי טעכטער און איין זון. שפּעטער אַריין האָט די גאַנצע פאַמיליע פּינקעלשטיין געשפּילט יידיש טעאַטער. די ערשטע פּיעסע צוזאַמען מיט די פּינקעלשטיינס איז געווען „שבת קודש", 26טן יוני, 1911. „שבת קודש" איז געשפּילט געוואָרן פינף אָדער זעקס מאָל.

ווייסבערג האָט אַ שטיק צייט צוזאַמען געאַרבעט מיט די פּינקעלשטיינס, און דערנאָך זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צוליב דער פראַגע רעפּערטואַר. ווייסבערג, אַ שטאַרקער חסיד פון יעקב גאָרדינען, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף קודם־כל שפּילן גאָרדינס פּיעסן. פּינקעלשטיין איז געווען ווייניקער איבערקלייבעריש אין דער פראַגע רעפּערטואַר. פון גאָרדינס פּיעסן האָט דאָ ווייסבערג אויפגעפירט, לויט חער רייע, אין די יאָרן 1911־14: „קעניג ליר", „מירעלע אפרת", „כאַסיע די יתומה", „קרייצער סאָנאַטאַ", „די שחיטה". אַלע די פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן צו עטלעכע מאָל. נאָכדעם איז געשפּילט געוואָרן „הערצעלע מיוחס". אַנדערע ווייסבערגס אויפפירונגען זענען געווען: „רן





יהודה אַבאַרבאַנעל", „דער סעילער אין געפאַר", „דער יידישער גלח", „די גאָלדענע מדינה", „יאָסעלע מילנער", „שולמית", „בר כוכבא", „בן הרב" און „עקדת יצחק". ווייסבערג האָט אויפגעגעבן זיין טעאַטער־טעטיקייט אַרום 1915. אין קיין אַנדערע שטעט אויסער מעלבורן האָט ער נישט געשפּילט.

פון די אַממייסטן אַקטיווסטע אַמאַטאָרן, וועלכע מיר טרעפן צוזאַמען מיט ווייסבערגן שוין פון זיינע ערשטע פאַרשטעלונגען, דאַרפן דערמאָנט ווערן: מענדעלסאָן, הורוויץ און הויזי. מענדעלסאָן און הורוויץ, וועלכע שפּילן נאָך ביז היינט, האָבן פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע. פון מענדעלסאָנס טעאַטער־אַרכיוו, אַפּישן און פּראָגראַמען, איז צו זען, אַז ווייסבערג האָט מיטגעשפּילט אין אַ רייע פּיעסן מיט די פּינקעלשטיינס, וועלכע זענען דאָ נישט דערמאָנט.

אַ טייל פון די פּיעסן, וועלכע ווייסבערג האָט אויפגעפירט, זענען געשפּילט געוואָרן לטובת בתי־מדרשים און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

שמואל ווייסבערג איז היינט דער זיידע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע. און מיט רעכט ווערט ער אויך אַזוי גערופן. ווייסבערגס טעאַטער־טעטיקייט דאָ איז זיכער געווען דער שטויס אָנצוהייבן אַן אַרבעט אויך אויף אַלע אַנדערע יידישע קולטור־געביטן.

רובין פּינקעלשטיין האָט זיך געהאַט זיין צוגאַנג צו טעאַטער. נישט איבערקלייבעריש אין רעפּערטואַר, האָט ער אויך די פּיעסן געענדערט לויט זיין איינזען. געגעבן זיי אַנדערע נעמען, אָנגערופן זיך מחבר פון אַ רייע פּיעסן, וועגן וועלכע אַלע האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען נישט זיינע, אָדער געשפּילט באַקאַנטע, און דורך אים כלומרשט באַאַרבעטע פּיעסן, אונטער נעמען פון מחברים, וועלכע האָבן גאָרנישט עקזיסטירט. אַלס אַקטיאָר האָט ער זיך דערלויבט אויף אַן אַ שיעור זאַכן, כדי כסדר צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום. אויף אַ טייל אַפּישן פון זיינע היגע אויפפירונגען זענען פאַראַן בילדער פון אַקטיאָרן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן.

דאַקעגן האָט פרוי פינקעלשטיין, אַן איינפאַכע און באַשיידענע פרוי, אָבער אַ פעאיקע שוישפילערין, געהאַט זייער אַן ערנסטע באַציאונג צו יידיש טעאַטער. זי איז עס געווען די, וועלכע האָט דעם מאַן כסדר געצווימט און פאַרלאַנגט פון אים מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַלס טעאַטער־אונטערנעמער און אַלס אַקטיאָר.

צו דער צייט איז אויך געקומען פון אַמעריקע דער יונגער שוישפילער, דוד רייצין (דערנאָך פינקעלשטיינס איידעם), וועלכן מ'האָט רעקלאַמירט אַלס „הויפט־סטאַר פון די פירנדע אַמעריקאַנער טעאַטערן". רייצין איז עס געווען דער, וועלכער האָט געהאָלפן שטעלן דעם דעמאָלט בעסערן, דעם גאָרדינישן, רעפערטואַר אין מעלבורן.

אין די יאָרן 1911-15, האָט די פינקעלשטיין־גרופע, טיילווייז ווייסבערג־פינקעלשטיין־גרופע, געשפילט, אויסער די שוין דערמאָנטע, נאָך פאָלגנדע פיעסן: „קעניג אחשוורוש", „העגעלע די משומדת" אָדער „טאַטע־מאַמעס צרות", „דער טריפניאַק" פון שמר, די ערשטע יידישע דראַמע אין מעלבורן, לערנערס „אוריאל אַקאָסטאַ" און „כל־נדרי" פון שערקאַנסקי.

אין 1912 האָט מענדעלסאָן אַראָפּגעבראַכט די פינקעלשטיין־גרופע, אין שפיץ מיט דוד רייצין, קיין סידנעי. ס'איז געווען מענדעלסאָנס אימפּרעזע. זיי האָבן דאָרט געגעבן דריי אויפפירונגען: „אַלעקסאַנדער, דער קרוינפרינץ פון ירושלים" פון לאַטיינער, „באָבע יאַכנע" און „שולמית" פון גאָלדפאַדען. יעדע פיעסע איז געשפילט געוואָרן צו צוויי מאָל. די אימפּרעזע איז מאַטעריעל נישט געלונגען. מענדעלסאָן האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער אימפּרעזע, אָבער די גרופע איז דאָרט געבליבן און געשפילט אויף אייגענעם חשבון. דערנאָך איז זי אַריבער קיין פּ ע ר ט, אַראָפּגעבראַכט דורך אַן אָרטיקן ייד. ס'איז זייער וואַרשיינלעך, אַז צו דער צייט האָט די טרופע געוואַנדערט אויך איבער אַ רייע קלענערע שטעט. גענויערע ידיעות וווּ אַלץ די טרופע איז געווען און וועלכע פיעסן זי האָט געשפּילט, איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען.





צוזאַמען מיט די פינקעלשטיינס, האָט אויך אַ צייט־לאַנג געשפילט דער אַרטיסט רונין, וועלכער איז אַהער געקומען פון כאַרבין. רונין, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַן אויטאָ, האָט דאָ ביזן טויט געשפילט יידיש טעאַטער.

דעם 3טן אויגוסט, 1914, האָט אַ גרופע אַמאַטאָרן אויפגעפירט אין מעלבורן „דאָס פינטעלע ייד". אויפן אַפיש, געדרוקט אין דער ענגלישער דרוקעריי פון אַלטן פאָרה, לייענען מיר די איינציקע יידישע שורה: „דאָס פיענטלע יוד".

אין די מלחמה־יאָרן, האָט פינקעלשטיין איבערגעהזרט אַ רייע זיינע אויפפירונגען. אַזוי זעען מיר אַן אַפיש פון 13טן מאַי, 1916, ווען ס'איז געשפילט געוואָרן „שולמית". אויף דעם אַפיש איז אויך דערמאָנט דער נאָמען בערענזאָן, וועלכער האָט אין פערט אויפגעפירט אַ רייע פיעסן.

דעם 15טן מאַי, 1918, שפילן ווייסבערג־מענדעלסאָן מיט אַ גרופע אַמאַטאָרן „דעם יידישן קעניג ליר" לטובת דער חברה „ביקור חולים".

ס'איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז כמעט אַלע יידישע פאָרשטעלונגען אין מעלבורן זענען ביז נישט לאַנג געשפילט געוואָרן אין וואָכן־טעג, מייסטנס מאָנטיק, ווייל שבת אָוונט איז נישט מעגלעך געווען צו קריגן אַ טעאַטער־זאַל.

זינט סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז 1925, איז אַ בלויז אין דער מעלבורנער יידישער טעאַטער־טעטיקייט. די פּראָפעסיאָנעלע שוישפילער זענען אַריבער צו אַנדערע פאַכן. מ'האָט געמוזט לעבן און יידיש טעאַטער האָט קיין פרנסה נישט געגעבן. די עמיגראַציע האָט זיך געהאַט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און כסדר איבערחזרן דעם אַלטן רעפערטואַר פאַרן זייער קליינעם ישוב, איז געוואָרן אוממעגלעך. אויך אין די יאָרן איז עפּעס וואָס געשפילט געוואָרן. ס'איז אונז אָבער נישט געלונגען פעסטצושטעלן וועלכע פיעסן. אין 1925 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין מעלבורנער יידישן טעאַטער. איידער אָבער מיר גייען איבער זי אויספירלעך צו באַהאַנדלען, האַלטן מיר

פאַר נויטיק אָנצוּווייזן ווו אַלץ ס'איז געשפּילט געוואָרן יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע, אויסער מעלבורן.

* * *

פּ ע ר ט. די הויפּט־שטאָט פון מערב־אויסטראַליע, ציילט קנאַפּע 2,500 יידן, האָט הינטער זיך אומגעפער דרייסיק יאָר יידיש טעאַטער. מר. מ. בערענזאָן, וועלכער איז אַהערגעקומען פון פּאַלעסטינע, האָט זינט 1913 ביז 1928, אויפגעפירט מיט אָרטיקע אַמאַטאָרן פאָלגנדע פּיעסן: „תלמיד חכם", „דער יידישער גלח", „קוני לעמל", „דן יהודה אַבאַרבאַנעל", „יאָסעלע מילנער", „חיים פון אַמעריקע", „קראַפט פון ליבע", „שרה שיינדל", „דער אומבאַקאַנטער", „דבורהלע מיוחס", „מירעלע אפרת", „קעניג ליר", „דאָס יידישע האַרץ", „די שפּין", „אַבעלע אשכנזי", „טאַטע־מאַמעס צרות", „דער שטן אין גן־עדן", „שולמית", „עקדת יצחק", „כל נדרי", „זשידאָווקאַ", „חורבן ירושלים", „דער מיליאָנער אַלס בעטלער", „חיים, זיסע חיים", „חפני און פנחס", „דאָס פּינטעלע ייד", „ליבע און לײדנשאַפט", „די נשמה פון מיין פאָלק", „געברידער לוריע", „דער טיגער", „שבת קודש", „באָבע יאַכנע", „ווו זענען מיינע קינדער?", „צו־שפּעט", „די פאַרגעסענע מאַמע", „משה היט", „זיין ווייבס מאַן", „דער פרעמדער", „הערצעלע מיוחס", „מישקע און מאַשקע", „אַ מענטש זאָל מען זיין", „געלט, ליבע און שאַנדע" און „דאָס מיידל פון וועסט".

די אַמאַטאָרן־גרופּע, מיט וועלכער מר. בערענסאָן האָט אָנגעפירט, האָט אַ צייט־לאַנג געהאַט אַ פּרעזידיום אין די פּערזאָנען פון ראַביי פרידמאַן און מר. מייזל. ביידע האָבן דער טעאַטער־גרופּע אַ סך מיטגעהאָלפן.

נעמענדיק אין אַכט, אַז אין די זומער־חדשים ווערט אין פּערט כמעט ווי נישט געשפּילט, איז דריי פאָרשטעלונגען במשך 8־9 חדשים, פאַר אַן אַמאַטאָרן־גרופּע, אַ גאַנץ שיינע דערגרייכונג. מייסטנס פון די פאָרשטעלונגען זענען געשפּילט געוואָרן לטובת געזעלשאַפטלעכע צוועקן. און ס'וועט זיין אינטערעסאַנט





צו באַמערקן, אַז דווקא פאַר פאַרשידענע פּאַלעסטינע־פאָנדן. אַזוי איז עס אויך אין די לעצטע יאָרן.

די נייע עמיגראַציע־כוואַליע קיין אויסטראַליע אין די יאָרן 1928־30, האָט אַביסל פאַרגרעסערט דעם פּערטער יידישן ישוב. אַ טייל פון די ניי־געקומענע זענען נישט געווען צופרידן מיטן פּערטער יידישן טעאַטער און געשאַפן נאָך אַן אַמאַטאָרן־קרייז, וועלכער האָט באַוויזן אויפצופירן צוויי פּיעסן: „דער בלינדער מאָלער" און „אַננאַ קאַרעניגאַ". נאָך די צוויי אויפפירונגען איז געקומען צו אַ פאַראייניקונג פון ביידע אַמאַטאָרן־קרייזן אונטערן נאָמען: „יידישע העבּרעאישע בימע, פּערט". די פאַראייניקטע אַמאַטאָרן האָבן אויפגעפירט: „קוני לעמל", „דאָס יידישע האַרץ", „מישקע און מאַשקע", „דער אומבאַקאַנטער", „כל נדרי" און „סעמקע פון אַמעריקע". נאָכדעם איז זיך די גרופּע צעפאַלן. די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן געשאַפן אַ נייעם אַמאַטאָרן־קרייז אונטערן נאָמען: „פאַראייניקטע דראַמאַטישע קאָמפּאַניע", וועלכע האָט באַוויזן צו שפּילן: „כאַסיע די יתומה", „זשידאָווקאַ", „שלומקע און ריקל", „שבת קודש", „די שחיטה", „מים האַפּליאַ", „דער בלינדער מאָלער", „ציפּקע פייער" און „דער ווילדער מענטש". אַדאַנק די באַמיאונגען פון מר. ברעקלער און רעווערענד גראָכאָווסקי, זענען ביידע אַמאַטאָרן־גרופּעס ווידער פאַראייניקט געוואָרן. נאָך דער לעצטער פאַראייניקונג זענען אויפגעפירט געוואָרן פאָלגנדע פּיעסן: „די נקמה פון אַ ברודער", „אַ מענטש זאָל מען זיין", און „דאַראַ". די קרייזן האָבן אויך געשפּילט אַ רייע איינאַקטערס און אויפגעפירט קאָנצערט־אָוונטן פון: „רעציטאַציעס, געזאַנג און בילדער".

אויסער די שוין דערמאָנטע, ראַביי פרידמאַן און מר. מייזל, האָבן דער פּערטער יידישער טעאַטער־טעטיקייט פיל מיטגעהאָלפן מר. ברעקלער און רעווערענד גראָכאָווסקי. אַלס רעזשיסערן זענען אויסער מר. בערענסאָן, וועלכער האָט זיכער די גרעסטע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער אין פּערט, אויך דערמאָנט מר. טוי און טיילוויין, מוזיקאַלישער טייל, רעווערענד גראָכאָווסקי.

אַלס אַקטיווסטע, און פאַרן אַרטיקן טעאַטער־קרייז באַרדינסטפולסטע מיטגלידער, דאַרפן דערמאָנט ווערן פרויען: בערענסאָן, גאָטליב און מעקיי; מענער: בערענסאָן, טוי, בלאָנק, עפשטיין און גראָכאָווסקי.

אויף זיין צוריקרייזע פון בראַזיליע קיין אויסטראַליע, אין 1940, האָט זיך דער אַרטיסט, יעקב ווייסלין, אָפּגעשטעלט אין פּערט. ווו ער איז אויפגעטראָטן מיט צוויי וואָרט־קאָנצערטן, און אויפגעפירט מיטן אָרטיקן דראַמ. קרייז „200,000" פון שלום עליכם.

ווי פאַר א שטאָט מיט אַזאַ קליינער יידישער באַפעלקערונג, האָט פּערט זיכער פאַרשריבן, פאַר די קנאַפּע דרייסיק יאָר יידישע טעאַטער־טעטיקייט, אַ באַדייטנד בלעטל אין דער ביזאיצטיקער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע.

ב ר י ז ב ע י ן האָט צו דער צייט, ווען ס'הויבט זיך אָן די יידישע טעאַטער־טעטיקייט דאָרט, געציילט קנאַפּע אַכט הונדערט יידישע נפשות. מייסטנס רוסיש־רעדנדע יידן. אַן אַמאַטאָרן־קרייז, וועלכער זאָל שפּילן אין יידיש, איז דאָרט נישט געלונגען צו שאַפן. דאַקעגן איז דאָרט יאָ געווען אַ יידישער אַמאַטאָרן־קרייז, וועלכער האָט געשפּילט אין רוסיש מייסטנס פּיעסן פון יידישן לעבן. אין 1917 איז געקומען קיין בריזבעין דער אַרטיסט יעקב סטרונין מיט דער פרוי. סטרונין, אַליין אַ פּוילישער ייד, זאָל האָבן אין די יונגע יאָרן געזונגען אין הייךקעלערס. נאָך לאַנגע און שווערע באַמיאונגען איז אים געלונגען צו שטעלן אַ פיר־פערזאָניקן סקעטש אין יידיש: „צוויי מתים עסן פרישטיק". דאָס איז געווען די איינציקע יידישע פאָרשטעלונג, וועלכע סטרונין האָט געשטעלט אין בריזבעין.

אין 1924 איז געקומען קיין בריזבעין ישראל ראָטמאַן, וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך אַ רייע יאָרן אַרבעט אין דרוסישע דראַמאַטישע קרייזן, ווי אויך פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. די ערשטע פּיעסע, וועלכע ראָטמאַן האָט אויפגעפירט אין בריזבעין איז געווען אין רוסיש, קאַרפּאָווס „זאַריעווא". טראָץ דעם דערפאָלג האָט ראָטמאַן באַשלאָסן אָנהויבן שפּילן יידיש טע-





אַטער. מיט דער הילף פון דעמזעלבן דראַמאַטישן קרייז, וועלכער האָט געשפּילט „זאַריעווא", געלינגט ראָטמאַנען צו שאַפן אַ יידישע אַמאַטאָרן־גרופּע. אין מערץ, 1925, איז אין בריזבעין אויפגעפירט געוואָרן די ערשטע, אַזוי צו זאָגן, נאָרמאַלע יידישע פאָרשטעלונג, גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר". די פאָרשטעלונג האָט געהאַט זייער אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג, און דאָס האָט ראָטמאַנען צוגעגעבן מוט צו שאַפן אין בריזבעין אַ קרייז פאַר יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, וואָס ס'איז אים אויך געלונגען. דער קרייז האָט געהאַט פאַר אַ צוועק צו שפּילן יידיש טעאַטער און באַקענען די אָרטיקע יידן מיט דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. ראָטמאַן האָט דערנאָך געשטעלט פאָלגנדע פּיעסן: גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ", „כאַסיע די יתומה", „די שחיטה", „גאָט, מענטש און טייוול" און „דער אומבאַקאַנטער". אויסער דעם: „אַ מענטש זאָל מען זיין" און „געלט, ליבע און שאַנדע". דער קרייז האָט אויך איינגעאָרדנט אַ רייע ליטעראַרישע אָוונטן, געווידמעט: פּרצן, שלום עליכם, אַשן און אברהם רייזינען. אויף די אָוונטן זענען פאָרגעלייענט געוואָרן די ווערק פון די מחברים און געשפּילט אַ רייע איינאַקטערס. דער ריוח פון די אַלע אונטערנעמונגען איז פאַרווענדט געוואָרן איינצואָרדנען אַ יידישע ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען פאַרשידענע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.

אין 1928 האָט ראָטמאַן באַשלאָסן אויפצופירן אַשס „גאָט פון נקמה". די בריזבעינער רעליגיעזע יידן האָבן אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דער פאָרשטעלונג אונטערן תירוץ, אַז מען וועט שענדן די תורה. די פּיעסע איז דאָך געשפּילט געוואָרן, וואָס אַן אמת מיט אַ קלענערן מאַטעריעלן, דערפאַר אָבער מיט אַ סך גרעסערן מאָראַלישן דערפאָלג.

אין 1930 ווערט ראָטמאַן איינגעלאַדן קיין סידנעי, אָנצופירן מיטן אָרטיקן יידישן דראַמ. קרייז. ראָטמאַן איז געווען אין סידנעי ביז 1932, דערנאָך צוריקגעקומען קיין בריזבעין, וווּ ער האָט נאָכאַמאָל געשטעלט „גאָט, מענטש און טייוול" און „די

שחיטה". זינט ראָטמאַן איז אוועק קיין מעלבורן, איז, דאַכט זיך, אין בריזבעין מער קיין יידיש טעאַטער נישט געשפּילט געוואָרן.

ס י ד נ ע י. די צווייט־גרעסטע שטאָט אין אויסטראַליע און דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין לאַנד, האָט ווייט־ווייט נישט באַוויזן צו ווערן דאָס, וואָס מעלבורן איז פאַר דער יידישער קולטור אין אויסטראַליע.

אונזערע ידיעות וועגן יידיש טעאַטער אין סידנעי וועלן נישט זיין קיין אויספירלעכע. אָבער דאָס נישט צוליב אונזער שולד. מיר האָבן אַלץ געטאָן כדי צו האָבן גענויע ידיעות וועגן דער אָרטיקער יידישער טעאַטער־טעטיקייט. זענען אָבער אַ טייל אונזערע ווענדונגען געבליבן אָן אַן ענטפער.

ווי מיר ווייסן, האָט היים רייזנהאָלץ אויפגעפירט, אין 1905, „שולמית" אין סידנעי. מיר האָבן אויך איבערגעגעבן וועגן דעם, אַז מענדעלסאָן האָט אין 1912 אַראָפּגעבראַכט די פינקעלשטיין־טעאַטער־קאָמפּאַניע קיין סידנעי. וואָס די פינקעלשטיינס האָבן געשפּילט אין סידנעי נאָכדעם ווי מענדעלסאָן האָט אויפגעגעבן די אימפּרעזע, איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. איינס איז זיכער, אַז מיט סידנעי האָבן זיך פאַראינטערעסירט כמעט אַלע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַרטיסטן, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו זיין אין אויסטראַליע.

סוף צוואַנציקער יאָרן האָט דער אַרטיסט יעקב סטרונין אויפגעפירט מיט אַ גרויסער רעקלאַמע „די ערשטע יידישע אָפּערע אין סידנעי — „בר־כוכבא". דעם ערשטן אָוונט איז דאָס טעאַטער געווען אויספאַרקויפט. צו דער צווייטער פאָרשטעלונג זענען געקומען בלויז 16 (זעכצן) מענטשן. ווי מען פאַרזיכערט אונז, איז די „בר כוכבא"־אויפפירונג געווען מער רעקלאַמע, ווי פאָרשטעלונג. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט סטרונין געשטעלט אַ פּיעסע אין יידישן קלוב מיט אַ זייער טרויעריקן מאַטעריעלן דערפאָלג. מ'האָט פאַר דער טרופּע צונויפגענומען אויף הוצאות, און ווי ס'געשעט זייער אָפט אין יידישן, און וואַרשיינלעך נישט וויניקער אין נישט־יידישן טעאַטער, זענען די אַרטיסטן אוועק־





געפאָרן, נישט באַצאָלנדיק פאַרן האָטעל און עסן. אָבער דאָס איז אויך געשען אַ סך פריער מיט די פינקעלשטיינס און אַנדערע יידישע אַרטיסטן אין סידנעי.

מיט 12 יאָר צוריק האָט אין סידנעי עקזיסטירט אַ יידישער נאַציאָנאַלער קלוב, וועמענס דראַמ. קרייז האָט אויפגעפירט אַ גאַנצע רייע יידישע פּיעסן, מייסטנס רעזשיסירט דורך מר. סטאָליאַר. די לעצטע פּיעסע, וועלכע מר. סטאָליאַר האָט אויפגעפירט אין סידנעי איז, דאַכט זיך, געווען „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם, אין 1939.

אין 1930 איז י. ראָטמאַן איינגעלאַדן געוואָרן קיין סידנעי דורכן אָרטיקן יידישן קלוב. ער האָט דאָרט פאַר קנאַפּע צוויי יאָר געשטעלט: „כאַסיע די יתומה", „נבלה" פון פּרץ הירשביין, „אַ מענטש זאָל מען זיין", „קרייצער סאָנאַטאַ", „געבראָכענע הערצער", שלום אַשס „מיטן שטראָם", שלום עליכמס צוויי איינאַקטערס: „פאַרביטן די יוצרות" און „נאָר אַ דאָקטאָר", און צום סוף „דער יידישער קעניג ליר".

ביים סידנעיער „געזערד", וועלכער האָט עקזיסטירט פון 1932 ביז 1937, איז טעטיק געווען אַ „יידישע דראַמאַטישע גרופּע". די גרופּע האָט אויפגעפירט: קאָברינס „דער דאָרפס־יונג", הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע", שלום עליכמס „די גאָלד־גרעבער", די איינאַקטערס „מענטשן", „נאָר אַ דאָקטאָר" און אַנדערע. אויסער דעם האָט די גרופּע געשפּילט „דער יידישער קעניג ליר", אַ ביראָ־בידזשאַנער פּיעסע און אַ רייע אַנדערער באַקאַנטע יידישע פּיעסן.

דעם 24טן יולי, 1937, איז אויפגעטראָטן אין סידנעי מיט אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער און רעציטאַציעס אברהם ברייזבלאַט פון וואַרשע.

פון 13טן אויגוסט ביזן 26טן נאָוועמבער, 1938, טרעט אויף אין סידנעי מיט אַ רייע וואָרט־קאָנצערטן דער באַקאַנטער יידישער אַרטיסט פון פּוילן, יעקב וויסליץ. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויפגעפירט מיט אַ ספּעציעל צונויפגעשטעלטן אַמאַטאָרן־קרייז: "200,000„ פון שלום עליכם (צוויי מאָל גע־

שפּילט). אין 1941 איז ווייסליץ נאָכאַמאָל אויפגעטראָטן מיט אַ וואָרט־קאָנצערט אין סידני.

דעם 29טן יולי, 1939, איז אויפגעטראָטן מיט איר ערשטן וואָרט־קאָנצערט, אין איינעם פון די גרעסטע טעאַטער־זאַלן אין סידני, די דראַמאַטישע אַרטיסטין און רעציטאַציע־קינסטלערין, רחל האָלצער פון וואַרשע. איר צווייטער וואָרט־קאָנצערט אין סידני איז פאָרגעקומען דעם 16טן אויגוסט, 1939.

מיר האַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז סיי יעקב ווייסליצס, סיי רחל האָלצערס סידנייער אויפטריטן זענען מוגלעך געוואָרן, אין דער ערשטער רייע, אַדאַנק דער אַקטיווסטער מיטהילף פון בעלאַ ווינער, איינער פון די איבערגעגעבנסטע יידישע קולטור־טוערינס אין סידני.

אין 1941 איז ביי דער מיטהילף פון ניי־געגרינדעטן יידישן פאָלקס־צענטער א. נ. שלום עליכם אין סידני, פאָרגעקומען סאָניאַ זאַמינאַס, אַ יונגע שוישפּילערין פון פּוילן, צוויי פאָלקס־לידער־קאָנצערטן.

* * *

אַזוי זעט אויס די יידישע טעאַטער־טעטיקייט אין די דריי גרעסטע שטעט אין אויסטראַליע, אויסער מעלבורן. פאַראַן נאָך אַ גרויסע שטאָט אין אויסטראַליע, דאָס איז אַדעלאַידע, וווּ עס וווינען אַ 1,500 יידן. ווי אונז איז באַקאַנט, איז ביז איצט נאָך קיינעם נישט געלונגען צו רירן דאָרט דאָס יאַהודיש־אַסימילאַטאָרישע אייז.

מיר קערן זיך איצט צוריק קיין מעלבורן, צו באַהאַנדלען די טעטיקייט פון „קדימה דראַמאַטישע קרייזן" און דער „יידישער בינע". די צוויי דראַמ. קרייזן זענען די באַדייטנדסטע לויט זייער יידישער טעאַטער־טעטיקייט אין אויסטראַליע.

מיר האָבן געזאָגט „קדימה דראַמאַטישע קרייזן", ווייל פאַר דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון יידיש טעאַטער ביי „קדימה", האָט דער טעאַטער־קרייז געהאַט פאָלגנדע נעמען: פון 1926 ביז 1930 „קדימה דראַמאַטישער סירקעל"; פון 1930 ביז 1932





„קדימה דראַמאַטישע געזעלשאַפט"; פון 1933 ביז 1936 „קדימה דראַמאַטישער בינע־פאַראיין"; אין 1937 „קדימה דראַמאַטישער קרייז", אין 1937־8 „קדימה יידיש טעאַטער־ווינקל"; אין 1939־40 „קדימה יידיש קונסט־טעאַטער", און זינט 1941 ווידער „קדימה דראַמאַטישער קרייז".

די ערשטע „קדימה"־פאָרשטעלונג, דעם 5טן אָקטאָבער, 1925, איז געווען „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם.

אין מאַי, 1926, איז אַדאַנק די באַמיאונגען פון מ. שעכטער, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון פּוילן, געגרינדעט געוואָרן דער „קדימה דראַמאַטישער סירקעל".

אין 1926 זענען געשפּילט געוואָרן די איינאַקטערס: „עולם הבא" און „נאָר אַ דאָקטאָר" פון שלום עליכם, „מיין ווייבס משוגעת" פון מאַרק אָרנשטיין, ווי אויך די פּיעסן „יעדער מיט זיין גאָט" פון דוד פּינסקי און „גרינע פעלדער" פון פּרץ הירשביין.

אין די ערשטע יאָרן פון „קדימה"־טעאַטער־טעטיקייט, זענען אין די זונטיק אָוונטן געשפּילט געוואָרן זייער אַ סך איינאַקטערס. אָט די איינאַקטער־אָוונטן פלעגן צוציען זייער אַ גרויסן עולם. צום באַדויערן, איז כמעט ווי נישט פאַרבליבן קיין זכר פון דעם, וועלכע איינאַקטערס, אויסער די דריי נאָר־וואָס דערמאָנטע, זענען במשך אַ רייע יאָרן געשפּילט געוואָרן.

אין מערץ, 1927, איז געקומען קיין אויסטראַליע דער אַרטיסט יעקב גינטער, וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך צען יאָר פּראָפעסיאָנעל טעאַטער אין פּוילן. גינטער האָט אַלס זיין ערשטע פאָרשטעלונג אין מעלבורן געשטעלט מיט „קדימה דראַמאַטישן סירקעל" שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער".

אין זעלבן יאָר האָט נאָך דער „קדימה דראַמאַטישער סירקעל" געשפּילט: ד. פּינסקיס „יאַנקל דער שמיד", רעזשי באַרקאַן, און גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער". אגב האָט באַר־קאַן זייער אַ סך געטאָן, אַז דער „קדימה דראַמ. קרייז" זאָל קאָנען פירן אַ וואָס־בריטערע טעטיקייט.

אין 1928 ווייזן מיר בלויז וועגן צוויי געשפּילטע פּיעסן:

„דעם שמידס טעכטער" פון פּ. הירשביין און „צעזייט און צע־שפּרייט" פון שלום עליכם.

די „קדימה" אָרדנט איין יעדעס יאָר עטלעכע קאָנצערט־אָוונטן און אַקאַדעמיעס, צו וועלכע זי נוצט אויך מייסטנס אויס איר דראַמ. קרייז.

אין 1929 האָט דער „קדימה דראַמאַטישער סירקעל" איינ־געלאַדן יעקב גינטער אָנצופירן מיטן קרייז. גינטער האָט באַלד נאָך דער ערשטער אויפפירונג מיטן „קדימה דראַמאַטישן קרייז" אין 1927, געשאַפן אַ דראַמ. קרייז א. נ. „יידישע בינע מעלבורן", וועמן מ'האָט אים, אין 1929, איינגעלאַדן רעזשיסירן אין „קדי־מה", זענען ביידע קרייזן פאַראייניקט געוואָרן. גינטער האָט ראָן געשטעלט „גאָט, מענטש און טייוול". די גאַנצע הכנסה פון דער פאָרשטעלונג איז געגאַנגען לטובת די פּאָגראָם־געליטענע אין פּאַלעסטינע.

י. גינטער האָט אויך אין 1931 אויפגעפירט מיטן „קדימה דראַמ. קרייז". גאָרדינס „שלומקע שאַרלאַטאַן" און בערקאָווי־טשעס „פון יענער וועלט".

אין 1933 איז אונטער דער רעזשי פון שעכטער־מענדעל־סאָן געשפּילט געוואָרן הירשביינס „גרינע פעלדער", און אונטער דער רעזשי פון מ. שעכטער „די מוטער" פון ד. פּינסקי.

ביז „קדימה" האָט אויפגעבויט איר אייגענעם בנין, אין 1933, מיט אַ טעאַטער־זאַל אויף איבער 400 פּלעצער, זענען אַלע פאָרשטעלונגען פון איר דראַמ. קרייז געשפּילט געוואָרן אין „טעמפּערענס האָל", סיטי. אין אייגענעם קדימה־האָל איז אין 1933 געשפּילט געוואָרן „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם. רעזשי יעקב גינטער.

אין 1934 : „אָנקל מאָזעס". דראַמאַטיזירט פון שלום אַש בוך דורך פּנחס גאָלדהאַר. רעזשי יעקב גינטער. צום 25טן יאָר־צייט פון יעקב גאָרדין „גאָט, מענטש און טייוול", רעזשי י. גינטער. אין זעלבן יאָר איז אויך געשפּילט געוואָרן אונטער גינ־טערס רעזשי „דער דאָרפס־יונג" פון לעאָן קאָברין.

אין 1935 האָט י. גינטער רעזשיסירט : „פון יענער וועלט"





פון י. ד. בערקאָוויטש און „דער לאַנדסמאַן" פון ש. אַש. דעמ־זעלבן יאָר האָט אויך מ. שעכטער געשטעלט אַשס „גאָט פון נקמה".

אין 1936 איז געקומען פון בוענאָס־איירעס דער פּראָפע־סיאָנעלער שוישפּילער נתן גינטער, אַ ברודער פון יעקב גינטער. נתן גינטער האָט אין זעלבן יאָר אויפגעפירט מיט „קדימה דראַ־מאַטישן בינע־פאַראיין" אַשס „מאָטקע גנב", ווי אויך אַ קליינ־קונסט־אָוונט.

ישראל ראָטמאַן האָט אין 1936 אויפגעפירט מיטן „קדימה דראַמ. קרייז" : גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ", דער בלינדער מאָלער" פון פּריימאַן און ש. אַשס „מיטן שטראָם".

אין 1937 האָט ראָטמאַן אויפגעפירט „דער יידישער קעניג ליר". די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן צוויי מאָל. די צווייטע פאָרשטעלונג לטובת דעם יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן. אויסער דעם האָט ראָטמאַן אויפגעפירט אַן אברהם רייזין־אָוונט.

אין 1937 איז געקומען קיין מעלבורן אברהם ברייזבלאַט, אַ יונגער פאָלקס־זינגער און רעציטאַטאָר פון וואַרשע. ברייז־בלאַט איז אויפגעטרעטן אין „קדימה" מיט צוויי קאָנצערטן פון געזאַנג און רעציטאַציעס. דעמזעלבן יאָר האָט ברייזבלאַט, וועלכער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעזשיסער פון „קדימה יידיש טעאַטער־ווינקל", געשטעלט : אַ רעוויע אונטערן נאָמען „פון יענער זייט ים" (דריי מאָל געשפּילט), דערנאָך ב. אָרשאַנ־סקיס סאָציאַלע דראַמע „בלוט", דאַן אַ רעוויע אונטערן נאָמען „פון כל טוב".

אין 1938 האָט ברייזבלאַט אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין" אין איציק מאַנגערס באַאַרבעטונג, קאָברינס „דער דאָרפס־יונג", ווי אויך עטלעכע איינאַקטערס, געשפּילט אויף ליטעראַרישע אַקאַדעמיעס, איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה".

אין 1939 האָט י. ראָטמאַן אויפגעפירט פּינסקיס „יעדער מיט זיין גאָט". דעמזעלבן יאָר האָט די „קדימה" איינגעלאַדן אַלס רעזשיסער מר. נוימאַן־יובאַל פון ווין, וועלכער האָט געענ־

דערט דעם נאָמען פון דראַמ. קרייז אויף „קדימה יידיש קונסט־טעאַטער". נוימאַן־יובאַל האָט אין 1939 אויפגעפירט: לייוויקס „די אָרעמע מלוכה", א. רודאָלפס א דראַמע „קראַפּט דורך פייער", יידיש חיים ראָזנשטיין, און גאָגאָלס קאָמעדיע „חתנים".

אין 1940 האָט נוימאַן־יובאַל אויפגעפירט: שלום עליכמס „די גאָלדגרעבער", קאָברינס „ריווערסייד דרייוו", א רעוויע אונטערן נאָמען „חד גדיא" און באַטאַשאַנסקיס „הערצעלע אָסטראָפּאָליער".

סוף 1941 האָט רחל האָלצער אויפגעפירט מיטן רעאָרגאַניזירטן „קדימה דראַמאַטישן קרייז", וו. שקוואַרקינס באַקאַנטע סאָוויעטישע קאָמעדיע „א פרעמד קינד". יידיש און אדאַפּטאַציע חיים ראָזנשטיין. אין דער פּיעסע האָט זיך אויך באַטייליקט יעקב וויסליץ.

דאָס איז די טעטיקייט פון דראַמאַטישן קרייז ביי דער „קדימה" זינט זיין אַנטשטיין, לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע ס'איז אונז געלונגען צונויפצוזאַמלען.

צווישן די לאַנג־יעריקע און אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פון „קדימה דראַמ. קרייז" דאַרפן דערמאָנט ווערן: א. הורוויץ, ש. מענדעלסאָן, מ. שעכטער, ס. פּאָדעמבסקי און י. ראָטמאַן. אַלע דאָ דערמאָנטע האָבן פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער אין מעלבורן.

* * *

איידער מיר גייען איבער באַהאַנדלען די טעטיקייט פון דער יידישער בינע, וועלן מיר נאָך אָנווייזן אויף א רייע טעאַטער־אויפפירונגען און אויפטריטן מחוץ „קדימה און יידישע בינע דראַמ. קרייזן" אין מעלבורן.

דעם 21טן אַפּריל, 1927, האָט יעקב סטרונין אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „שולמית", און דעם 8טן אויגוסט דעמזעלבן יאָר, האָט יעקב גינטער געשפּילט גאָרדינס „שחיטה".

דעם 22טן יולי, 1929, איז געשפּילט געוואָרן ליבינס „דאָס גאָלדענע לאַנד" מיט דער באַטייליקונג פון שמואל וויסבערג





און משפּחה פּינקעלשטיין. וואַרשיינלעך איז די פאָרשטעלונג געשפּילט געוואָרן פאַר א געזעלשאַפטלעכן צוועק, ווייל צו יענער צייט האָבן וויסבערג און די פּינקעלשטיינס נישט מער געשפּילט קיין טעאַטער.

מיר האָבן פאַר זיך אַן אַפיש:

„דער יודישער יוגענט אמאַטעור ווינקעלע אין מעלבורן
מיטוואָך, דעם 17טן דעצעמבער, 1930
לטובת די קאַרלטאָנער פאַראייניקטע שול „אגודת אחים"
וועט געשפּילט ווערן צום ערשטן מאָל אין מעלבורן
דער צווייטער סמבטיון
אונטערן נאָמען — נאָך הבדלה
רעזשיסער רובין הירש
עס וועט אויסגעפירט ווערן צוועלף וואונדערבאַרע נאָמערן פון ערנסטע - דראַמע. שפּילעוודיגע - רעווי. קוועקזילבער - טענץ.
לייכטע - אָפּערעטע. עלעגאַנטער - קאַבאַרעט. הומאָר.
און אַלץ וואָס עס קען נור געפעלן.
ALSO THE LEWIS SISTERS IN SPECIALITY
TAP AND TOE TAP DANCING"

---

דעם 28טן נאָוועמבער, 1936, האָט נתן גינטער געגעבן א געזעגנונגס־פאָרשטעלונג. ס'איז געשפּילט געוואָרן גאָרדינס „דער אידיאָט".

אין דעצעמבער, 1937, איז נתן גינטער צוריקגעקומען קיין מעלבורן פון בוענאָס־איירעס צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער אַרטיסטין, שרה גינטער.

אין פעברואַר, 1938, האָבן שרה און נתן גינטער געשפּילט „מירעלע אפרת". דעמזעלבן סעזאָן האָבן ביידע מיטגעשפּילט אין אַלע אויפפירונגען פון יעקב וויסליץ.

אין 1939 האָבן שרה און נתן גינטער צוזאַמען מיט א. ברייזבלאַט, געשפּילט קאַרל שיינהערס „דעם טייוולס ווייב".

אין 1940 האָט נתן גינטער געשטעלט „טוביה דער מיל־

ביקער". אויסער דעם זענען שׂרה און נתן גינטער אויפגעטרעטן, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אויף קאָנצערט־אָוונטן, אַקאַדעמיעס און ענלעכע אימפּרעזעס.

כדי צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון הערץ בערגנערס בוך „דאָס נייע הויז", זענען פאָרגעקומען אין 1940 און 1941 צוויי גרויסע טעאַטער־אָוונטן.

אין 1937 איז אברהם ברייזבלאַט צוויי מאָל אויפגעטרעטן אין מעלבורנער ראַדיאָ מיט יידישע פאָלקס־לידער. און אין 1938 און 1939 איז ער אויפגעטרעטן אין „קדימה" מיט צוויי פאָלקס־לידער־ און רעציטאַציע־קאָנצערטן. אין 1941 האָט ברייזבלאַט איבערגעהזרט אין „קדימה" גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין".

אין 1939 איז געקומען קיין מעלבורן די יונגע יידישע שוישפּילערין פון פּוילן, סאָניאַ זאַמינאַ. אין 1939-40 איז זי אויפגעטרעטן מיט עטלעכע פאָלקס־לידער־קאָנצערטן, און אויך מיטגעשפּילט אין אַ רייע פּיעסן.

אין 1941 האָט דער יידיש־ענגלישער רעוווי־אַרטיסט, סעם שטערן, אויפגעפירט „שלומקע שאַרלאַטאַן". שטערן איז אין אויסטראַליע געווען אַ באַקאַנטער רעוווי־שוישפּילער.

אין 1941 האָט נוימאַן־יובאַל געשטעלט „די משפחה" פון אַנטאָני סלאָנימסקי, יידיש ש. פרידמאַן, און „קוואַדראַטור פון קרייז" פון קאַטאַיעוו.

די יידישע שול אין מעלבורן אָרדנט איין יעדעס יאָר אַ „רעפּרעזענטאַנץ־קאָנצערט", אויסגעפירט דורך די שילער פון שול. ס'איז איבעריק צו זאָגן, ווי זייער וויכטיק ס'זענען דאָ דער־אַרטיקע יידישע קינדער־טעאַטער־פאָרשטעלונגען. מיר נאָטירן דעריבער מיט דער גרעסטער סאַטיספאַקציע, אַז די קינדער־פאָרשטעלונגען פון דער מעלבורנער יידישער שול זענען מער, ווי פאָרשטעלונגען, זיי זענען כמעט אַ יום־טוב פאַר דעם יידיש־רעדנדיקן מעלבורן. די קינדער־פאָרשטעלונגען גייען דורך מיטן גרעסטן דערפאָלג און ווערן באַזוכט דורך הונדערטער יידישע קינדער מיט זייערע עלטערן.

מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן גענויער אויף די פּראָג־אַ־





מען פון די קינדער־פאָרשטעלונגען, ווייל דאָס וועט זיכער געמאַן ווערן אין דעם אַרטיקל איבער דער יידישער שול. מיר וועלן בלויז אָנווייזן, לויט דער רייע, די קינדער־טעאַטער־אימפּרעזעס:

1936 — אַ מענדעלע־אָוונט
1937 — אַ חנוכה־קאָנצערט
1938 — אַ קינדער־קאָנצערט
1939 — אַ קינדער־אָפּערע
1940 — אַ קינדער־קאָנצערט
1941 — אַ קינדער־קאָנצערט
1941 — אַ שלום עליכם־קינדער־אַקאַדעמיע
1941 — אַ פאָלקלאָר־אָוונט, אויסגעפירט דורך דערוואַקסענע און קינדער־כאָר.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער מעלבורנער געזעלשאַפט „פריינט פון יידישן שול־וועזן אין פּוילן", איז יעקב ווייסליץ געקומען קיין מעלבורן דעם 26טן יאַנואַר, 1938.

במשך דעם יאָר איז ווייסליץ אויפגעטרעטן אין מעלבורן מיט אַ רייע וואָרט־קאָנצערטן און אויפגעפירט עטלעכע פּיעסן מיט דער „יידישער בינע", וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער גענויער רעדן. אגב איז לויטן פאָרשלאַג פון יעקב ווייסליץ, אויף אַן אָוונט, געווידמעט דעם ערשטן יאָרצייט פון באַקאַנטן יידישן טעאַטער־רעזשיסער, דוד הערמאַן, די יידישע בינע אָנגערופן געוואָרן: „יידישע בינע א. נ. דוד הערמאַן".

ווייסליץ איז אויך אויפגעטרעטן אויף אַ גאַנצע רייע אָוונטן און אַקאַדעמיעס. סוף 1938 איז ווייסליץ אָפּגעפאָרן קיין בראַזיליע, פון וואַנען ער איז צוריקגעקומען קיין אויסטראַליע אָנהויב 1940. זיין ערשטער אויפטריט אין מעלבורן, אין 1940, איז געווען אין אַן אָוונט, געווידמעט ה. לייוויקן. זינט דאַן אַרבעט ווייסליץ צוזאַמען מיט רחל האָלצער און דער „דוד הערמאַן־בינע".

דעם 3טן אַפּריל, 1939 איז, אויפן וועג פון אַ גרעסערן טורנע, אָנגעקומען קיין מעלבורן רחל האָלצער. אין מעלבורן איז רחל האָלצער אויפגעטרעטן מיט עטלעכע וואָרט־קאָנצערטן. די ערשטע פּיעסע, וועלכע זי האָט דאָ געשטעלט, דעם 28טן יוני,

1939, איז געווען „דריי פרויען”, אַ זייער אינטערעסאַנטע לעבנס־פּיעסע פון דער באַקאַנטער פּוילישער שריפטשטעלערין, מאַראַזאָוויטש־שטשעפּקאָווסקאַ, ייִדיש היים ראָזנשטיין.

אויך רחל האָלצער איז אויפגעטרעטן אויף אַ גאַנצער רייע אָוונטן און אַקאַדעמיעס. מיר זענען נישט אימשטאַנד אויסצורעכנען אַלע אויפטריטן פון רחל האָלצער, יעקב וויסליץ און די אַנדערע היגע ייִדישע שוישפּילער, ווייל דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט. מיר האַלטן אָבער פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז דעראַרטיקע אויפטריטן זענען דאָ אַ זייער גרויסער ייִדישער טעאַטער־צושטייער, און אַז אַ טייל פון די אויפטריטן שטייט אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה.

רחל האָלצערס וויטערדיקע טעאַטער־טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט דער „דוד הערמאַן־בינע” און יעקב וויסליץ.

דעם 11טן אָקטאָבער, 1941, איז אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג און רעזשי פון רחל האָלצער און יעקב וויסליץ פאָרגעקומען, לטובת דעם אויסטראַלישן און סאָוועטישן רויטן קרייז, אַ זייער אינטערעסאַנטער אַרטיסטישער אָוונט.

אין דער אימפּרעזע האָבן זיך אויסער רחל האָלצער און י. וויסליץ, באַטייליקט שרה און נתן גינטער, אברהם ברייד־בלאַט און אַ רייע מיטגלידער פון „קדימה דראַמאַטישן קרייז” און „ייִדישע בינע א. נ. דוד הערמאַן”.

* * *

„פאַראיין ייִדישע בינע”, אָדער ווי זי הייסט די לעצטע יאָרן „ייִדישע בינע א. נ. דוד הערמאַן”, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927 דורכן אַרטיסט יעקב גינטער, וועלכער איז אַהערגעקומען מיטן געדאַנק דאָ צו בלייבן, אָבער נישט איבערצורייסן מיט ייִדיש טעאַטער.

אַלס מיטגרינדער פון דער ייִדישער בינע איז אונז אויך באַקאַנט סעם פאַרעמבסקי, אַ גרויסער פריינט פון ייִדיש טעאַטער, וועלכער נעמט נאָך היינט אָן אַקטיוון אָנטייל אין היגן ייִדישן טעאַטער־לעבן.





יעקב גינטער איז זינט דער גרינדונג פון דער „ייִדישער בינע” ביז היינט איר פּרעזידענט, און ס'איז זיכער אין אַ גרויסער מאָס זיין פאַרדינסט, וואָס די „ייִדישע בינע” פאַרנעמט אַזאַ אָנגעזען אָרט אין מעלבורנער ייִדישן קולטור־לעבן.

די ערשטע פאָרשטעלונג פון דער „ייִדישער בינע” איז פאָרגעקומען סוכּות־צייט, 1927. ס'איז געשפּילט געוואָרן גאָרדינס „כאַסיע די יתומה”. דעמזעלבן יאָר האָט די „ייִדישע בינע” אויפגעפירט: „אַ מאַמעס טרערן” פון י. מאַרקאָוויטש, און „דער ייִדישער פאַרמער”, אין אָריגינאַל „דאָס דאָרפס־מיידל”, פון ז. ליבין.

מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען, אַז ביז יעקב וויסליצס קומען קיין מעלבורן, זענען כמעט אַלע פּיעסן, וועלכע די „ייִדישע בינע” האָט געשפּילט, רעזשיסירט געוואָרן דורך יעקב גינטער.

יעקב גינטער האָט איינגעפירט, אַז די טעאַטער־אַפישן זאָלן זיין האַלב־ייִדיש און האַלב־ענגליש, און נישט ווי ס'איז געווען פריער, ענגלישע אַפישן און אין ייִדיש בלויז דער נאָמען פון דער פּיעסע. מאַכן אַ האַלב־ייִדישן אַפיש איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט ווייל צו יענער צייט איז אין מעלבורן נישט געווען קיין ייִדישע דרוקעריי. בלויז איין ענגלישער דרוקער, דער אַלטער פאָרד, האָט פאַרמאָגט אַביסל ייִדישן זאַץ. ביים זעצן דעם ייִדישן טייל אַפיש, האָט דער אַלטער פאָרד זיך באַנוצט מיט אַ גרויסן געדרוקטן ייִדישן אלף־בית, לויט וועלכן ער האָט דערקענט די ייִדישע אותיות. גינטער איז געפאַלן אויף אַ המצאה און אויסגעשניטן פון אַ ייִדישער צייטונג אותיות, פון וועלכע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם אינהאַלט פאַרן ייִדישן טייל אַפיש. ווען ס'איז אָבער געקומען צו דער קאָרעקטע, אין דער ייִדישער טייל, טראָץ דעם אַלטן פאָרדס ייִדיש קענטנישן... געווען אַזוי צעדרייט, אַז גינטער האָט געמוזט פאַרקאַשערן די אַרבל און כמעט אויפסניי אויסזעצן דעם ייִדישן טייל אַפיש.

די ענגלישע דרוקעריי פון קריסט ג. י. פאָרד איז במשך לאַנגע יאָרן געווען דאָס איינציקע אָרט אין מעלבורן, און אפשר גאַנץ אויסטראַליע, וווּ דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט האָט גע־

קאָנט דערזען די ליכטיקע שיין. מענטשן, וועלכע ס'איז אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיטן אַלטן פאָרה, גלויבן, אַז דער אַלטער ענגלישער דרוקער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו יידיש, ווייל אַנדערש וואָלט ער זיך נישט אַזוי געמאַטערט מיט דעם ביסל יידישער דרוק־אַרבעט.

זאָלן די געזאָגטע דאָ ווערטער זיין אַן אויסדרוק פון דאַנק און סימפּאַטיע פאַר דעם אַלטן דרוקער פאָרה, וועלכער האָט דערמעגלעכט פאַרשפּרייטן דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט אין אויסטראַליע.

אינטערעסאַנט, אַז דאָס עפנטלעך־געדרוקטע יידישע וואָרט אין אויסטראַליע, איז מעגלעך געוואָרן אַדאַנק יידיש טעאַטער.

דער ערשטער טעאַטער־אַפיש, וועלכער איז אויך געדרוקט געוואָרן האַלב אין יידיש, איז געווען צו יעקב גאָרדינס פּיעסע „די שחיטה”, געשפּילט דעם 8טן אויגוסט, 1927.

די „יידישע בינע” האָט במשך איר טעטיקייט געשפּילט פאָלגנדע פּיעסן:

אין 1928, נאָך ה. ד. נאָמבערגס טויט, זיין „משפחה”. דערנאָך „שווער צו זיין אַ ייד” פון שלום עליכם. ראַבט זיך, אַז צו יענער צייט איז אויך געשפּילט געוואָרן די פּיעסע „דער פאַרלוירענער גן־עדן”.

אין 1929 : „אַ מאַמעס טרערן” („צוריק צו מיין פאָלק”) פון י. מאַרקאָוויטש.

„פאַר אונזער גלויבן” פון שלום אַש. די גאַנצע הכנסה פון אַשס פּיעסע איז געגאַנגען לטובת די יידישע פאָלקס־שולן אין פּוילן. ס'איז געווען די ערשטע סומע, עטלעכע־און־דרייסיק פונט, געשיקט פון אויסטראַליע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן.

אין 1930 : „כאַסיע די יתומה” פון י. גאָרדין,
„די ווייסע שקלאַפין”,
„די געבראָכענע הערצער” פון ז. ליבין,
„פון יענער וועלט” פון י. ד. בערקאָוויטש,
געשפּילט „לטובת פרויען־אונטערשטיצונג־סאָסייטי”.





אין 1931 : „דאָס גרויסע געווינס” פון שלום עליכם, „לטובת דער ערשטער יידישער ציטונג אין אויסטראַליע, „אויסטראַליער לעבן”.
„מירעלע אפרת” פון י. גאָרדין,
„צוריק פון סיביר” פון י. גאָרדין,
„אָף דער גרעניץ” פון אַ. וועוויאָרקע, רעזשי יוסף וואהייט.

פון 1933 ביז סוף 1935, האָט די „יידישע בינע” צוזאַמענגעאַרבעט מיט „קדימה דראַמאַטישער בינע־פאַראיין”.

אין 1936 האָט די „יידישע בינע” דורכגעפירט, לטובת די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, אַ טעאַטער־אָוונט אונטערן נאָמען „אַ פריילעכער קאָנצערט אָדער אַ קאַרלטאָנער מלוה־מלכה”. אויסער דעם האָט נתן גינטער אויפגעפירט מיט דער „יידישער בינע” גאָלדפאַדענס „צוויי קוני לעמלס”. די גאַנצע הכנסה, ניינציק פונט, איז געגאַנגען לטובת דעם „פּויליש־יידישן רעליף־פאָנד”.

אין 1937 : לטובת דעם „פּויליש־יידישן רעליף־פאָנד” י. ד. בערקאָוויטשעס **„אונטערן צלם” („מאָשקע חזיר”).**

לטובת דעם יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן — אַ קאָנצערט־אָוונט.

לטובת די יידישע פאָלקס־שולן אין פּוילן — „שווער צו זיין אַ ייד” פון שלום עליכם.

אין אַלע אונטערנעמונגען לטובת די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, האָט די היגע געזעלשאַפט „פריינט פון יידישן שול־וועזן אין פּוילן” אַ סך מיטגעהאָלפן.

צום ערשטן געמיינזאַמען אויפטריט פון שרה און נתן גינטער, אין 1938, איז געשפּילט געוואָרן „מירעלע אפרת” פון י. גאָרדין.

יעקב ווייסליץ האָט מיט דער „יידישער בינע” אויפגעפירט אין 1938, פאָלגנדע פּיעסן:
„די גילדענע לאַטע” („פּראָפעסאָר מאַמליאָק”) פון פרידריך וואָלף.
„דאָס גרויסע געווינס” פון שלום עליכם.

„דער דיבוק" פון ש. אַנסקי.

אויסער דעם האָט ווייסליץ אויפגעפירט אַ גרויסן י. ל. פּרץ־אָוונט.

אָנהויב 1939 האָט י. גינטער אויפגעפירט ש. אַנסקיס „טאָג און נאַכט".

סוף דעמזעלבן יאָר, האָט רחל האָלצער אויפגעפירט איר ערשטע פאָרשטעלונג מיט דער „דוד הערמאַן־בינע". ס'איז געשפּילט געוואָרן די באַקאַנטע פראַנצויזישע קאָמעדיע „פּרוי אַדוואָקאַט" פון ל. ווערנעיל, יידיש חיים ראָזנשטיין.

אין 1940 האָט רחל האָלצער אויפגעפירט, לטובת דער יידישער שול אין מעלבורן, גאָרדינס „כאַסיע די יתומה", אין אַ טיילווייזער באַאַרבעטונג פון ה. ראָזנשטיין.

דער ערשטער געמיינזאַמער אויפטריט פון רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ, איז פאָרגעקומען אין דער צוויי־פּערזאָניקער קאָמעדיע „פּרוידס הלומות־טעאַריע" פון א. צוואָידזשינסקי, יידיש ה. ראָזנשטיין. „פּרוידס חלומות־טעאַריע" איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע נײַ־צייטיקע קאָמעדיעס, געשריבן דורך איינעם פון די באַגאַבסטע יונגע פּוילישע דראַמאַטורגן.

די ווייטערדיקע טעטיקייט פון רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ מיט דער „דוד הערמאַן־בינע" פאַר 1940, איז געווען:

„די ברויט־מיל" („דער טויבער") פון דוד בערגעלסאָן, רעזשי י. ווייסליץ.

„פּרנסה" פון חנא גאָטעספעלד, רעזשי י. ווייסליץ.

„דער פאָטער" פון אויגוסט סטרינדבערג, רעזשי רחל האָלצער.

„דער זינגער פון זיין טרויער" („יאָשקע מוזיקאַנט") פון אָסיפ דימאָוו, רעזשי י. ווייסליץ.

אַ געמיינזאַמער רעציטאַציע־אָוונט פון ביידע קינסטלער.

„דער פּאָעט איז בלינד געוואָרן" פון ה. לייוויק, רעזשי י. ווייסליץ.





אין 1941 איז אויפגעפירט געוואָרן:

„מוטער" פון קאַרעל טשאַפּעק, יידיש ה. ראָזנשטיין, רעזשי ר. האָלצער.

אַ י. ל. פּרץ־אַקאַדעמיע.

„אַטענטאַט" פון וו. א. סאָמין, יידיש ה. ראָזנשטיין, רעזשי ר. האָלצער.

אַ גרויסע שלום עליכם־פאָרשטעלונג (איינאַקטערס, סצענעס, רעציטאַציעס), רעזשי י. ווייסליץ.

„דאָס לעבן רופט" פון ביל־בעלאָצערקאָווסקי, יידיש יעקב ראָטבוים, רעזשי י. ווייסליץ.

„די גרינע פעלדער", צום 60־יעריקן יובל פון פּרץ הירשביין, רעזשי י. ווייסליץ. אין „די גרינע פעלדער" האָט געהאַט איר ערשטן אויפטריט אין אויסטראַליע, די נאָר־וואָס געקומענע שוישפּילערין, יוכבד ווייסליץ.

„מאָטקע גנב" פון ש. אַש, רעזשי נתן גינטער. די לעצטע פאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן אָן דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ.

אַלס די פאַרדינסטפולסטע מיטגלידער און לאַנג־יעריקע מיטאַרבעטער פון דער „דוד הערמאַן־בינע", דאַרפן דערמאָנט ווערן: פייוול יעדוואַב, בערל ראָזנבערג, סעם פּאָדעמבסקי, פרוי חיה סעגאַל און די באַגאַבטע כאַראַקטער־ראַליסטין, יהודית סילמאַן.

פאַר די לעצטע דריי יאָר האָבן זיך, אונטער דער קינסטלעריש־פאַכמענישער אָנפירונג פון רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ, אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון דער „דוד הערמאַן־בינע" עטלעכע נייע כוחות. דאָס זענען: יאָשאַ שער, שאול אַליוועך, חוה דאַן און לאה צוקער. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלטן די עטלעכע זייער באַגאַבטע אַמאַטאָרן געדאַרפט אַריבער אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

מיר מוזן אויך דערמאָנען מאיר סילמאַן און אברהם הילדעבראַנט, וועלכע האָבן במשך אַ רייע יאָרן מיטגעהאָלפן דער אַרבעט פון דער „דוד הערמאַן־בינע".

פאַר די לעצטע דריי יאָר האָט דער „דוד הערמאַן־בינע" זייער אַ סך מיטגעהאָלפן מיט ראַט און טאַט — מונדעק ערליך.

ווי מיר האָבן געזען, איז די „יידישע בינע"־טעטיקייט באַשטאַנען נישט נאָר אין שפּילן יידיש טעאַטער. זי האָט כסדר געהאָלפן און העלפט מאַטעריעל אַ רייע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ספּעציעל אָבער איז איר הילף געגעבן געוואָרן פאַר צוועקן פון יידישער קולטור. די „יידישע בינע" האָט מיטגעהאָלפן די שול־אַקציעס פון מלך ראַוויטש און יוסף גיליגיטש. זי האָט געשפּילט פאַר דער ערשטער יידישער צייטונג אין אויסטראַליע. טאַקע כדי די צייטונג זאָל קאָנען אָנהויבן דערשיינען. פאַרן יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן. פאַר דער יידישער שול אין מעלבורן. פאַר פּנחס גאָלדהאַרס בוך „דערציילונגען פון אויסטראַליע", דעם ערשטן יידיש־ליטעראַרישן ווערק אין ווייטן אויסטראַליע, און נאָך און נאָך.

מיר האָבן זיך אויף אַלעם דעם אָפּגעשטעלט, כדי אָנצוווייזן אויף דער דאָפּלט־וויכטיקער פונקציע פון יידישן טעאַטער פאַר דער יידישער קולטור אין אויסטראַליע. אַ פאַקט, וועלכער דאַרף און מוז ווי געהעריק געזעלשאַפטלעך אָפּגעשאַצט ווערן.

## III

מיר האָבן זיך באַמיט איבערצוגעבן אַ בילד פון דער יידישער טעאַטער־טעטיקייט אין אויסטראַליע זינט 1905, דאָס הייסט זינט דער אַנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער אויפן פינפטן קאָנטינענט. זיכער איז אין דער אַרבעט פאַראַן בלויזן און מעגלעך אויך געוויסע נישט פּינקטלעכקייטן, אָבער אַמווייניקסטנס צוליב אונזער שולד. ס'איז נישט געווען קיין צו־לייכטע אויפגאַבע פון אַ צופעליק־געזאַמלטן מאַטעריאַל, וועלכער האָט זיך געפונען ביי פאַרשידענע מענטשן און אין פאַרשידענע שטעט, צונויפשטעלן אַ געהעריקע גאַנצקייט.

מיר האָבן נישט געפונען פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן





גענויער אויף דער, אַזוי גערופענער, יידישער האַלב־טעאַטראַלער טעטיקייט אין אויסטראַליע. מיר מיינען פאַרשידענע קאָנצערט־אָוונטן, אַקאַדעמיעס און ענלעכע אימפּרעזעס. אַזעלכע אונטערנעמונגען קומען פאָר אָן אַ שיעור, און ס'וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען איבערצוגעבן אפילו די וויכטיקסטע פון זיי.

פאַר אונז איז קלאָר, אַז יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע האָט זיך דורכגעשלאָגן זייער אַ שווערן וועג. אַ וועג דורך אַלע קאָמיש־טראַגישע זיג־זאַגן און שטערונגען, וועלכע זענען נאָר מעגלעך אין יידישן טעאַטער. אָבער אַ וועג פון כסדרדיקן באַרג־אַרויף. ס'איז נישט אונזער אויפגאַבע צו רעצענזירן דעם קינסטלערישן, דעם רעזשיסעריש־אַקטיאָרישן ווערט פון די ביז נישט־לאַנג געשפּילטע פּיעסן. אין יענע יאָרן איז אין דער ערשטער רייע וויכטיק געווען צו שפּילן יידיש טעאַטער. אגב האָבן מיר נישט צופיל פון דעם געזען. אָבער דאָס ביסל, וואָס מיר האָבן יאָ געזען, האָט אונז, צום באַדויערן, נישט צופרידנגעשטעלט. דערפאַר איז היינט יידיש טעאַטער אין מעלבורן, אונטער דער אָנפירונג פון רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ, געוואָרן דאָס, וואָס מיר זענען געווינט צו באַצייכנען אין דער אַלטער היים אַלס בעסער יידיש טעאַטער. און דאָס איז, ספּעציעל אין די זייער שווערע היגע אַרבעטס־באַדינגונגען, מער ווי אַ גרויסע דערגרייכונג.

אויך דער רעפּערטואַר האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. דער רעפּערטואַר פון בעסערן היגן יידישן טעאַטער פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, איז גלייך צו דעם רעפּערטואַר פון בעסטן יידישן טעאַטער אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע. אגב האָט זיך דער רעפּערטואַר באַרג־אַרויף פריער אָנגעהויבן. טיילווייז האָט אים שוין יעקב גינטער איינגעפירט.

ס'דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די וויכטיקייט פון דער גרויסער צאָל געשפּילטע גאָלדפאַדען־גאָרדין־פּיעסן אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע. דאָס איז דער רעפּערטואַר, וועלכער האָט נישט נאָר דערמעגלעכט די עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער במשך קנאַפּע דרייסיק

יאָר אויף גאָר דער וועלט. נאָר וועלכער האָט דורך זיין פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿאַר יענער צייט פֿאַרשטייט זיך, מער ווי מיטגעהאָלפֿן, אַז דער יידישער עמיגראַציע־עלעמענט אין אַלע לענדער זאָל האָבן דעם לעבעדיקסטן און וואַרעמסטן קאָנטאַקט מיט דער יידישער שפּראַך, מיט יידישע זיטן און מנהגים — מיט דער יידישער קולטור.

שפּעטער אַריין, נאָך דעם גאָלדפֿאַדען־גאָרדין־רעפּערטואַר, וואַקסן די צאָל פּיעסן פֿון קאָברין, בערקאָוויטש און הירשביין. דערנאָך איז געקומען די רייע אויף שלום עליכם, נאָמבערג, אַש. און צום סוף — פּרץ, אַנסקי, בערגעלסאָן, לייוויק. ווי מיר זעען, האָט דאָס יידישע טעאַטער אין אויסטראַליע דורכגעמאַכט, אין אַ פֿיל קורצערער צייט, כמעט דעמזעלבן רעפּערטואַר־וועג, ווי די גרעסטע יידישע טעאַטער־צענטערן. דערווייל אָבער צום גונסטן פֿון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע דערמיט, וואָס ס'איז דאָ אויסגעמיטן געוואָרן דער אַמעריקאַנער שונד־רעפּערטואַר פֿון די לעצטע יאָרן. מיר זאָגן דערווייל, ווייל דאָס וועט זיין אָפּהענגיק פֿון די, וועלכע וועלן געבן דעם טאָן דעם היגן יידישן טעאַטער.

צי קאָן היינט זיין אַ רייד וועגן אַ פּראָפֿעסיאָנעל יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע?

לויט אונז, נישט. ס'איז נישט פֿאַראַן די נויטיקע צאָל אַקטיאָרן, און דאָס וויכטיקסטע, די צאָל יידישע טעאַטער־באַזוכער איז פֿיל צו קליין. היינט קומען זען אַ פֿאָרשטעלונג אין מעלבורן פֿון 800 ביז 1,000 יידן. כמעט אַלע פּיעסן ווערן דאָ לעצטנס געשפּילט צו צוויי מאָל. די צאָל יידישע טעאַטער־באַזוכער וואָלט געמוזט מינדעסטנס פֿינף מאָל גרעסער ווערן, כדי מען זאָל קאָנען אָנהויבן טראַכטן וועגן אַ פּראָפֿעסיאָנעל יידיש טעאַטער. אָבער אויך דעמאָלט וואָלטן די אַרטיסטן און די אַדמיניסטראַציע נישט געקאָנט האָבן אַפֿילו די באַשיידנסטע פּרנסה פֿון טעאַטער. אויסער מעלבורן קומען נאָך אין באַטראַכט פֿאַר יידיש טעאַטער די שטעט סידני און פּערט. ליגן אָבער די שטעט





אַזוי ווייט פֿון זיך, אַז ס'וואָלט אין קיין פֿאַל נישט געלוינט אַהין צופֿאָרן אַפֿילו מיט דער קלענסטער טרופּע.

מיר האַלטן אויך פֿאַר נויטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער פֿראַגע יידישע טעאַטער־רעצענזיעס. ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען מיר דעם נאָמען פּנחס גאָלדהאַר, די ערשטע שוואַלב פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסטראַליע. גאָלדהאַר האָט נישט איינמאָל אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע דעם היגן יידישן טעאַטער. אויסער גאָלדהאַרן האָבן וועגן די יידישע טעאַטער־אויפֿפֿירונגען געשריבן: ה. מינץ, ה. בערגער, א. פּערל, דר. פּאַטקין, י. קאַהאַן, ב. וואַרשאַווסקי, דזשיי סעם און אַנדערע.

אונזער יידישע וואָכן־צייטונג האָט נישט איר קיין טעאַטער־רעצענזענט, וועלכער זאָל זיין אימשטאַנד צו געבן אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג פֿון אַ בעסערער יידישער טעאַטער־אויפֿפֿירונג. ס'פּראַקטיצירט זיך נאָך דאָ טיילווייז, לויט אונז, אַ נישט געזונטער מנהג פֿון גאַנץ לאַנג, איינצולאַדן עמיצן צו שרייבן אַ רעצענזיע. ס'איז זייער וואַרשיינלעך, אַז מיט יאָרן צוריק האָט אַזאַ איינלאַדן נאָך געהאַט אַ וועלכע ס'איז באַרעכטיקונג. אָבער היינט, ווען דאָס בעסערע יידישע טעאַטער אין מעלבורן שטייט אויף אַ געהעריקער הויך, איז דער חוב פֿון די עטלעכע מענטשן, וועלכע קאָנען אָנשרייבן אַ רעצענזיע קומען זען די פֿאָרשטעלונגען און שרייבן וועגן זיי. שרייבן גוט אָדער שלעכט, ווי די אויפֿפֿירונג פֿאַרדינט, אָבער שרייבן. מיר האָבן בלויז איין באַוואָרעניש, נישט צופֿיל אַרונטעררייסן די שוואַכערע אַמאַטאָרן. ס'איז גענוג, אַז מ'רעדט נישט וועגן זיי צום גוטן. אָן אַמאַטאָרן קאָן דאָס היגע יידישע טעאַטער דערווייל נישט עקזיסטירן. אגב גיבן די מענטשן אַוועק אַ סך פֿון זייער פֿרייער צייט פֿאַר אַ זייער וויכטיקער יידישער קולטור־אַרבעט. דער אויסוואַל פֿון פֿעאיקע אַמאַטאָרן איז אַזאַ קליינער, אַז מען בייסט זיך כמעט אָפּ די פֿינגער ביים באַזעצן יעדע פּיעסע מיט עטלעכע פֿעאיקע כוחות.

יידיש טעאַטער איז היינט צו טאָג דער גרעסטער און וויכטיקסטער יידישער קולטור־פֿאַקטאָר אין אויסטראַליע. עס פֿאַר־

דינט דעריבער די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון אַלע די, וועלכע האַלטן זיך פאַר די פאַרקעמפער פון דער יידישער קולטור אין אויסטראַליע.

אַן אָביעקטיווו און גוט־געשריבענע טעאַטער־רעצענזיע איז אַ טייל פון דער פאָרשטעלונג גופא. דער טייל, אַדאַנק וועלכן ס'קאָן אויפגעהיטן ווערן פאַר דורות דער ווערט פון דער אָפּגע־טוענער טעאַטער־אַרבעט. מיר מיינען, אַז ס'איז איבעריק אונ־טערצושטרייכן, ווי זייער וויכטיק דאָס־אָ איז אין אונזערע היגע יידישע קולטור־באַדינגונגען.

ס'דאַרף זיין די אויפגאַבע פון אַלע היגע יידיש־קולטור־פריינט העלפן ממשותדיק הער יידישער טעאַטער־אַרבעט, ווייל אין דער ערשטער רייע, אַדאַנק יידיש טעאַטער, זענען מיר היינט עדות פון אַ גענוג־שיינער און פאַרצווייגטער יידישער קולטור־טעטיקייט אין מעלבורן.

די מלחמה, וועלכע האָט דאָ פאַרהאַלטן רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ, האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס יידישע טעאַטער אין מעלבורן זאָל האָבן צוויי באַקאַנטע יידישע בינע־קינסטלער, וועלכע זענען רייף אָנצופירן מיט אַ גוט יידיש טעאַטער. אַ ניי־צייטיק יידיש טעאַטער, וועלכעס זאָל שטיין אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע און זיין אין איינקלאַנג מיט די שטרעמונגען פון דער מאָדערנער יידישער מאַסן־קולטור.

מיר האָבן נישט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע: דערפאָלג פון די, אָדער יענע פיעסן. און דאָס דערפאַר, ווייל אין די היגע באַדינגונגען, וו אַ פיעסע ווערט נישט מער געשפּילט ווי צוויי מאָל, איז אָביעקטיוו שווער פעסט־צושטעלן, אויסער גאַנץ באַשטימטע פאַלן, וועלכע פיעסע האָט געהאַט דערפאָלג און די סיבות פון איר דערפאָלג. וואָס מען קאָן יאָ זאָגן איז, אַז טראָץ הער טענדענץ לטובת אַ לייכטערן רעפּערטואַר, נעמט דער היגער יידישער טעאַטער־עולם זייער וואַרעם אויף אויך ערנסטע פיעסן. אַ פאַקט, וועלכער רעדט לטובת אונזערע טעאַטער־באַזוכער, און וועלכער רעגט אָן די אַמביציעזע אין אונזער טעאַטער־וועלט צו אַ רייע געוואַגטע





פאָרשטעלונגען — און אפילו געוואַגטע טעאַטער־עקספּעריםענטן.

און צום סוף. ס'קאָן ווער שטעלן די פראַגע: צי איז נויטיק געווען אין אַ דעראַרטיקער טעאַטער־אַרבעט אויסרעכענען אַזש אַזויפיל געשפּילטע פיעסן? ענטפערן מיר, אַז יאָ. און דאָס צוליב דעם:

אין דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין וויטן אויסט־ראַליע פאַרנעמט דערווייל יידיש טעאַטער דאָס ערשטע אָרט. און דעריבער מוזן מיר אויפהיטן אַלץ דאָס, וואָס יידיש טע־אַטער האָט אויפגעטאָן פאַר די עטלעכע־און־דרייסיק יאָר. ס'האָט געדראָט די געפאַר, אַז דער גרעסטער טייל פון דער אָפּגעטוענער דאָ טעאַטער־אַרבעט זאָל אַוועק אין פאַרגעסנהייט. און דאָס וואָלט געווען מער ווי אַ פיינלעכער פאַרלוסט פאַר דער היגער יידישער קולטור־אַרבעט. מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין בראשית פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין אויסטראַליע בכלל.

מעלבורן, נאָוועמבער, 1941.